# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

בלק

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:


אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285


**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**


©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## בלק


עין הארץ - בלק און בלעם האָבן געוואָלט אַוועקנעמען אונזער ישוב הדעת און אמונה ........................ א

ויגל ה׳ את עיני - די טובה און גוטס איז שוין צוגעגרייט ........................................ ח

וגלוי עינים - דער באַשעפער פירט אַלעם צום גוטן ........................................יב

גדר מזה וגדר מזה - מאַכן אַ גדר אין יראת שמים און בפרט אין שמירת עינים ..............................יד

# בלק

### עין הארץ - בלק און בלעם האָבן געוואָלט אַוועקנעמען אונזער ישוב הדעת און אמונה

**הנה עם יצא ממצרים, הנה כסה את עין הארץ, והוא יושב ממולי. ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה וגו'** (כב, ה-ו).

טייטשן די ספרים ("שפת אמת", בלק תרל"ב, ד"ה "כסה"), אַז די קליפה פון בלק און פון בלעם איז געווען אָנצוהענגען אַלע פּאַסירונגען אין טבע. ווען דעם האָט בלק געזאָגט, הנה עם "יצא" ממצרים, די אידן זענען אַליין אַרויס פון מצרים, מיט זייער אייגענעם כוח. "הנה כסה את עין הארץ" - די אידן פאַרדעקן דעם "ערדישן בליק". זיי הענגען נישט אָן אַלע פּאַסירונגען וואָס קומען פאָר מיט זיי, אין דרך הטבע (עין הארץ), ווייל זיי גלייבן אַז אַלעס ווערט געטוהן דורך דעם באַשעפער[א]. אָט דאָס האָט בלק נישט געקענט פאַרטראָגן, און ווען דעם האָט ער געשיקט שלוחים צו בלעם, ער זאָל קומען שעלטן די אידן[ב].

---

**א** הרה"ק בעל "צמח צדק" זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל געשיקט רופן אַ בחור וואָס האָט געהאַט פאַרשידענע ספיקות אין אמונה. ווען דער בחור איז געקומען, האָט דער "צמח צדק" גענומען אַ טיכל, אַרומגעוויקלט דערמיט זיינע הענט, און געשאָקלט מיט'ן טיכל אויף אַלע פיר זייטן. דערנאָך האָט ער געפרעגט דעם בחור: "ווער האָט דאָ געשאָקלט דעם טיכל?". האָט דער בחור געענטפערט, "דער רבי שאָקלט מיט'ן טיכל, ווייל ער האַלט דאָך דעם טיכל אַרום זיינע הענט, און ער שאָקלט דערמיט אויף אַלע פיר זייטן...". האָט דער "צמח צדק" איהם צוריקגעפרעגט, "פון וואו ווייסטו אַז מיינע הענט שאָקלען עס? צו האָסטו דען געזעהן ווי מיינע הענט שאָקלען דעם טיכל?" האָט דער בחור געענטפערט: "איך האָב טאַקע נישט געזעהן ווי דער רבי שאָקלט, אָבער איך ווייס אַז ער האָט עס געטוהן"... האָט דער "צמח צדק" איהם געזאָגט:

- אַזוי איז דעם באַשעפער'ס הנהגה פון דער וועלט. אפילו אויב מיר זעהען עס נישט מיט אונזערע אויגן, ווייסן מיר אַז דער אויבערשטער, "עשה ועושה ויעשה לכל המעשים...".

**ב** דער זוהר הקדוש (ח"ג, קצט:) זאָגט, אַז די ערשטע צוויי אותיות פון די צוויי ווערטער "בלק" און בלעם", זענען "בלבל". זאָגט אויף דעם דער "נתיבות שלום" (קובץ שיחות למשמרה הראשונה), המן הרשע האָט געוואָלט "להומם ולאבדם" (אסתר ט, כד). המן האָט געוואָלט אַריינברענגען אַ צעטומלעניש אין אידישע קינדער (זיי זאָלן ווערן צעמישט אין אמונה), און אַזוי וועט ער קענען גורם זיין "לאבדם" ח"ו. ער האָט געוואוסט אַז ער קען זיי נישט פאַרטיליגן ח"ו, נאָר אויב עס וועט קודם זיין "להומם" - זיי וועלן ווערן צעמישט אין די אמונה. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט בלק און בלעם. זיי האָבן געוואָלט צעטומלען אידישע קינדער אַז זיי זאָלן נישט האָבן די ריינע אמונה, וואָס נעמט זיך ווען דער מענטש האָט ישוב הדעת.

מיט דעם פאַרשטייט מען אויך וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג קצד. רפא:) אַז די צוויי לעצטע אותיות פון די ווערטער "בלעם" און "בלק", זענען די אותיות "עמלק". ("עם" אין "בלעם", און "לק" אין "בלק"). דאָ איז מרומז אַז ווען אַ איד איז מבולבל ח"ו, קען עס איהם צוברענגען צו אַ בחינה פון "עמלק" בגימטריא "ספק", אַריינצוּוואַרפן ספיקות אין זיין האַרץ, און איהם אינגאַנצן אָפּצוקילן פון די אמונה, אין דער בחינה פון "אשר קרך", וואָס "קרך" איז פון לשון "מקרה", ווען דער מענטש ווערט איינגערעדט דורך זיין יצר הרע, אַז אַלע פּאַסירונגען זענען אַ "מקרה" ח"ו.

אויב מ'שטאַרקט זיך אָבער מיט אמונה פשוטה אַז אַלעס איז פון הימל, און אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט דעם מענטש אויף יעדן טריט און שריט, ווערן פאַרשוואונדן אַלע בלבולים און דמיונות, און ער איז זוכה צו ישוב הדעת, ווי הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע שרייבט אין אַ בריוו (געברענגט אין ספר "תורת אבות", מכתבי קודש, ג) "כל הון דעלמא לא ישוו לשעה אחת שאיש ישראל עומד בישוב הדעת ובדעה מיושבת". דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון דער וועלט קען נישט צוגעגליכן ווערן צו איין שעה וואָס אַ איד שטייט מיט ישוב הדעת.

אַזוי טייטשן די ספרים בדרך רמז, דעם פסוק (תהלים צד, ה) "אשר לו הים והוא עשהו, ויבשת ידיו יצרו". עס פּאַסירט אַמאָל אַז אַ מענטש שטייט אינמיטן דעם ים. ער איז אַרומגענומען מיט שטורמישע כוואַליעס פון אַלע זייטן, און ער האָט נישט וואו אַראָפּצולייגן זיינע פיס. ער זעהט נישט אַ וועג אַרויסצוקריכן פון דעם "ים" מיט

חובות, א.ד.ג. איז די עצה פאַר אַזאַ איינעם, ער זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה און אויסרופן "אשר לו הים". געלויבט ביזטו, באַשעפער, וואָס דו האָסט באַשאַפן אַזאַ גרויסן "ים"... "והוא עשהו", דער אויבערשטער האָט געמאַכט דעם גרויסן "ים"... ער האָט מיך אַריינגעדרייט אין דעם "ים". נאָך אַזאַ אויסרופונג, איז דער מענטש זוכה צו זעהן תיכף ומיד אַז "ויבשת ידיו יצרו. דער אויבערשטער שטילט איין אַלע "שטורעמס", און אויף אַזאַ אופן, טרעפט זיך דער מענטש שטייענדיג אויף דער ערד. ער זעהט מער נישט דעם "ים", נאָר די "יבשה"...

אָט דאָס איז די גאַנצע אַרבעט פונעם יצר הרע, צו צעטומלען דעם מח פונעם מענטש, ווייל פון דעם קומט זיין נפילה ח"ו. און טאַקע צוליב דעם האָבן די חז"ל צוגעגליכן דעם יצר הרע צו אַ פליג (ברכות סא.). פונקט אַזוי ווי אַ פליג איז נישט בכח צו שעדיגן דעם מענטש, ער דרייט זיך נאָר אַרום דעם מענטש, און אַזוי וויל ער איהם צעטומלען און אַרויסשלעפּן פון זיין ישוב הדעת, אַז ער זאל חלילה אַריינפאַלן אין שאול תחתיות רח"ל.

פאַריאָר, שנת תש"פ, האָט מען דאָך געזעהן אין די צייט ווען קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס דער קומענדיגער טאָג וועט ברענגען, מחותנים האָבן נישט געקענט באַשטימען אַ זמן החתונה פאַר זייערע קינדער, ווייל מ'האָט נישט געוואוסט אויב די חתונה וועט געפראַוועט ווערן בעתה ובזמנה אָדער נישט. וואו וועט פאָרקומען די חתונה? ווען וועט מען קענען פאָרן געשעפטליך קיין אויסלאַנד, א.ד.ג. איין מחותן וואָס האָט געהאַלטן פאַר די חתונה פון זיין קינד, האָט מיר געזאָגט: "דאָס מאָל, ווען איך זאָג 'אם ירצה השם', מיין איך עס טאַקע אויף אַן אמת... אם ירצה השם... אויב דער אויבערשטער וועט וועלן אַז איך זאָל פראַוועט די חתונה דעמאָלס און דעמאָלס, בין איך צופרידן".

הגה"ח ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (תהלים פא, ו) "שפת לא ידעתי אשמע". "שפת" האָט די זעלבע אותיות ווי תש"פ, דאָס יאָר ווען מ'האָט כסדר געהערט פון מענטשן זאָגן די ווערטער "לא ידעתי" - "איך ווייס נישט"... דער מענטש וואָס עס דאַכט זיך איהם אַז זיין גורל ליגט אין זיינע אייגענע הענט, איז דאָך כסדר "אָנגעבלאָזן" און אויפגערעגט ווען עפּעס גייט נישט אַזוי ווי ער וויל. ער שלאָגט זיך, און זיינע אַרומיגע. אָבער אויב ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, וויסנדיג אַז אַלעס איז פון הימל, און דער אויבערשטער פירט די וועלט לויט ווי עס גלוסט איהם, איז ער רואיג, און ער איז אייביג פריילוך.

דאָס זעלבע איז ווען עס האַנדלט זיך אין די אויפפירונג "בין אדם לחבירו". אַז מ'איז זיך מתבונן אין דער היינטיגער סדרה, זעהט מען ווי בלק און זיינע מענטשן האָבן מורא געהאַט פאַר די אידן וואָס זענען געשטאַנען האַרט נעבן די גרעניץ פון מואב, און ער האָט גערופן בלעם ער זאָל קומען שעלטן די אידן. פאַר דעם צוועק, האָט ער געשיקט צו בלעם זיינע שרים, און ווען ער האָט נישט געוואָלט קומען, האָט ער געשיקט נאָך וויכטיגערע מענטשן. בלק האָט געטוהן אַלעס וואָס נאָר מעגליך אומצוברענגען חלילה די אידן, ווייל ער האָט געציטערט פון זיי, ווי ער האָט געזאָגט: "עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו, כלחוך השור את ירק השדה". דאָס אַלעס איז אָבער געווען אַ פאַלשער פּחד, אָן קיין ממשות, ווייל די אידן האָבן דאָך געהאַט אַ ציווי פון באַשעפער, "אל תצר את מואב", אידן טאָרן נישט באַלאַגערן דאָס לאַנד פון מואב און מלחמה האלטן מיט זיי. קומט אויס אַז די אידן האָבן בכלל נישט געטראַכט וועגן אַ מלחמה מיט מואב, אָבער ער האָט "איבערגעדרייט אַ וועלט", מורא האָבנדיג פון די אידן... (אַ איד אַ תלמיד חכם, האָט מוסיף געווען על דרך צחות, אַז בלעם האָט נישט אויפגעוויזן פאַר בלק אַז זיין גאַנצע מורא פון די אידן איז געבויט אויף אַ טעות (ווייל זיי טאָרן דאָך נישט מלחמה האַלטן מיט איהם), ווייל ער האָט געוואָלט פאַרדינען געלט און כבוד...).

מ'דערציילט אַ "מעשה": אַ מענטש האָט געדאַרפט האָבן דרינגענד אַ סכום געלט, וואָס ער האָט נישט פאַרמאָגט. בלית ברירה, האָט ער באַשלאָסן צו בעטן ביי זיינס אַ ידיד, אַ הלוואה. אויפ'ן וועגן איז איהם "אַריינגעפאַלן" אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז מסתמא וועט זיין אַלטער ידיד איהם נישט וועלן באָרגן דאָס געלט, און ער וועט איהם אַוועקשיקן מיט ליידיגע הענט. ער האָט אָבער באַלד אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיגן געדאַנק, ווייל פאַרוואָס זאָל זיין חבר איהם נישט וועלן העלפן. דער ערשטער געדאַנק האָט איהם אָבער געמאַטערט, ביז דער "דמיון" איז געוואָרן ממש אַ ווירקליכקייט. ער איז געוואָרן אויפגערעגט, זאָגנדיג צו זיך אַליין, "מה פשעי ומה חטאתי"... איך האָב זיך שטענדיג משתדל געווען פאַר מיין ידיד, און פאַרוואָס באַצאָלט ער מיר אַ "רעה תחת טובה"?!... אַזוי האָט ער פאָרגעזעצט צו גיין "ברענענדיג און קאָכענדיג, אויף זיין פריינט'ס "נידערטרעכטיגקייט"... איהם נישט צו העלפן אין זיין נויט.

אַלזאָ, ווען ער איז אָנגעקומען אין הויז פון זיין ידיד, האָט ער אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר. אַזוי ווי ער האָט געעפענט די טיר, האָט ער אויסגעשריגן מיט צאָרן: "איך דאַרף נישט דיינע טובות... באָרג מיר נישט דאָס געלט...

מיר געפינען אין מדרש (במדב"ר יט, כד) מורא'דיגע סדרה (כא, יב) "ויחנו בנחל זרד". זאגט דער מדרש, אז ווערטער, אויף דעם פסוק אין דער פריערדיגער דער טייך איז געווען ברייט בלויז א "מלוא זרת" - א

---

פון היינט און ווייטער, וויל איך דיך מער נישט קענען!...", און אזוי האט ער פארטראסקעט די טיר אין יענעם'ס פנים, אז מ'האט געהערט דעם "טראסק" ביז דער אנדערער גאס... זיין ידיד שטייט דערשטוינט, נישט וויסנדיג וועגן וועלכע הלוואה ער רעדט...

אזוי זעהט אויס דער מענטש ווען ער בויט א "בנין" פון א קריגעריי מיט זיין חבר, אויף "יסודות" פון טעותים און דמיונות. דער שטן איז אבער נישט מוותר אויף די געלעגנהייט וואס ס'איז איהם אונטערגעקומען, און ער גיט נישט דעם מענטש צייט און מנוחת הנפש, איבערצוטראכטן דעם טעות און אפשטעלן די קריגעריי. אזוי וואלגערן זיך א סאך מענטשן מיט די צרה פון מחלוקת און זייערע שלעכטע תוצאות, צוליב א נארישן טעות ביים אויסברוך פון די מחלוקת. צום ביישפיל, איינער איז ברוגז אויף זיין חבר פאר דעם וואס ער האט איהם נישט געלאדנט צו די חתונה פון זיין זון. באמת, האט אבער זיין חבר אינגאנצן נישט געמיינט נישט איינצולאדן איהם צו די חתונה, נאר עס איז אריינגעפאלן א טעות אין די ליסטע, אדער די איינלאדונג איז אנגעקומען מיט א פארשפעטיגונג, און דער באליידיגטער האט שוין אויפגעבויט א גאנצע קריגעריי. יענער ענטפערט איהם צוריק, מיט גאנצע בערג פון השערות, אז ער פארשטייט פארוואס ער איז ברוגז אויף איהם, און אזוי בויט זיך א גאנצע קריגעריי, זיי און זייערע בני בית מיט'ן גאנצן ארום, איבער זאכן וואס "לא היו ולא נבראו" ס'האט זיך נישט אנגעהויבן און נישט אויסגעלאזט... עס איז א "שנאת חנם", כפשוטו.

דאס זעלבע איז אויך בנוגע "בין אדם למקום". הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, ברענגט אין זיין ספר "לקט אמרים", אז ער האט געזעהן אין א ספר, אז אין א ווייט לאנד, איז דא א פויגל וואס וואוינט אויף א הויכן בוים. אין יענעם לאנד, געפינען זיך אויך שלענג וואס שטרעבן צו פארצוקן דעם פייגל.

וואס טוט אזא שלאנג? ער קען דאך נישט ארויפקריכן אויף דעם בוים וואו עס געפינט זיך יענער פויגל. דערנענטערט ער זיך צום בוים, און ווען ער זעהט אז דער פויגל זעהט איהם, עפנט ער זיין מויל מיט גרויס כעס. ווען דער פויגל זעהט פון זיין הויכן ארט דעם פיסק פון דעם שלאנג, וואס לעכצט אזוי שטארק איהם צו פארציקן, ווערט ער זייער איבערגעשראקן, און אנשטאט צו פארבלייבן אויף זיין ארט מיט'ן וויסן אז דער שלאנג קען ממילא נישט אנקומען צו איהם, אדער לכל הפחות צו אנטלויפן און אוועקפליען פון דארט, וואס דאן וועט דער שלאנג איהם זיכער נישט דערגרייכן, פאלט ער אריין אין א טיפן יאוש, ווייל ער שפירט זיך הילפסלאז. ער בייגט אראפ זיין קאפ מיט גרויס מורא, ביז ער פאלט אראפ אויף דער ערד, גראד אריין אין דעם פיסק פונעם גיפטיגן שלאנג...

דער משל, רעדט אויך צו אונז. א סאך מענטשן פאלן אריין אין א מצב פון יאוש, אפילו ווען זיי האבן נישט באמת א סיבה מורא צו האבן פון דעם יצר הרע. אן דעם וואס דער בעל דבר זאל בכלל זיך דארפן פלאגן דערויף, נעמט ער איהם איין אויף א לייכטן אופן. דארפן מיר אויסשרייען צו אזא איינעם: וואס האסטו אריינצופאלן אין יאוש? דער יצר הרע איז דאך נישט בכח דיך איינצונעמען און דיך פארציקן ח"ו. אנטלויף פון איהם, און פלי ארויף הויך, צום גרויסן טאטן אין הימל. דאן וועסטו זעהן אז אלע "שטיק" פונעם יצר הרע, זענען געווען נישט מער ווי א "דמיון"" כדי דיך אפצושרעקן, אריינצוברענגען אין דיר א געפיל פון יאוש - נישט מער.

די גמרא זאגט (חגיגה טז.) אויב א מענטש זעהט אז דער יצר הרע שטארקט זיך איבער איהם, זאל ער גיין אין אן ארט וואו מ'קען איהם נישט, און ער זאל זיך אנטוהן שווארצע קליידער און ארומוויקלען דערמיט זיין קערפער. ער זאל טוהן "מה שלבו חפץ" - וואס זיין הארץ גלוסט - אבער ער זאל נישט פארשוועכן דעם אויבערשטען'ס נאמען בפרהסיא ח"ו. פרעגט דארט די ראשונים (תוספות, ד"ה "ויעשה"), ווי אזוי קען מען געבן רשות פאר א מענטש צו טוהן "וואס זיין הארץ גלוסט"?

זאגן די ספרים, ווען דער יצר הרע שטארקט זיך אויפ'ן מענטש, פארבלענדט ער זיינע אויגן אז ער זאל נישט קענען זעהן אז מ'טאר נישט טוהן די דאזיגע זאך. ער צעמישט זיין מח, ער זאל חלילה טוהן די עבירה, אבער אין דער מינוט ווען ער שטופט אפ די עבירה, דורך דעם וואס ער טוט אן אנדערע קליידער און ער גייט אין א פלאץ וואו מ'קען איהם נישט, וועט ער דערווייל איינשטילן דעם שטורעם און עס וועט אויסגעלאשן ווערן דער "פייער", און ער וועט אזוי ארום קענען באזיגן דעם יצר הרע אויף א לייכטן אופן.

**האַלבער אייל** (ווייל דער אות דל"ת פאַרטוישט זיך מיט'ן אות ת"ו, און אַזוי דרש'ענט דער מדרש "זרד" פון לשון "זרת"). **אין** משך פון אַכט און דרייסיג יאָר, האָבן די אידן האָבן נישט געקענט אַריבערגיין דעם דאָזיגן טייך, ווי מיר זעהען אין די פסוקים (דברים ב, יג) "עתה קומו ועברו לכם את נחל זרד, און אין קומענדיגן פסוק (פסוק יד) שטייט, "והימים אשר הלכנו מקדש ברנע עד אשר עברנו את נחל זרד שלושים ושמונה שנה עד תם כל הדור". זעהט מען אַז אין משך פון אַכט און דרייסיג יאָר האָבן די אידן נישט געקענט אַריבערגיין אַ טייך וואָס איז געווען ברייט בלויז אַ האַלבן אייל.

**פון** דער צווייטער זייט, האָט דער אויבערשטער געשפּאַלטן פאַר די אידן דעם גרויסן ים סוף, און זיי זענען אַדורכגעגאַנגען דעם ים אין די טריקעניש. דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז דער מענטש איז נישט בכח צו שטעלן אַפילו אַ קליינעם טריט, נאָר אויב מ'האָט אויסגערופן וועגן דעם אין הימל. אויב דער אויבערשטער וויל, איז "הים ראה וינוס", און אויב דער אויבערשטער וויל נישט, קען דער מענטש נישט אַריבערגיין אַפילו אַ טייך וואָס איז ברייט אַ האַלבער אייל[ג]...

**נאָך** מער זאָגן די ספרים צו טייטשן די ווערטער פון פסוק אין דער היינטיגער סדרה, "והוא יושב ממולי". זאָגט רש"י: "ממולי" איז פון לשון פאַרשניידן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קיח, י) "כי אמילם". בלק האָט געמיינט צו זאָגן, מיט זייער אמונה האַלטן די אידן מלחמה קעגן מיר, און זיי צעמאַלן מיך אויף פיצלעך, ווייל די ריינע אמונה איז בכח צו פאַרשניידן אַלע פיינט און אַלע מזיקים.

**אַזוי** טייטשט דער "ייטב לב" זי"ע דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, כג) "כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל". עס פאַסירט אַז דער מענטש איז אַרומגענומען מיט צרות און יסורים רח"ל פון אַלע זייטן, און ער קען זיך נישט אַן עצה געבן מיט די שוועריגקייטן. ער האָט נאָר איין עצה: אמונה! ווען דער מענטש גלייבט אַז קיין שום זאַך פאַסירט נישט פון זיך אַליין, און יעדער צער וואָס דער מענטש ליידט קומט פונעם רצון פון דעם באַשעפער ברוך הוא, פאַר זיין טובה בזה ובבא, אַזאַ אמונה מאַכט איהם פיל גרינגער צו קענען אַלעס אָננעמען מיט ליבשאַפט[ד], און מיט אַ ריכטיגע

---

**ג** הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע האָט געזאָגט ("תורת אבות", אמונה ובטחון, ו): "מיט דעם אויבערשטען, קען מען דעם ים שפּאַלטן, און אָן איהם, קען מען נישט אַריבערגיין דעם שוועל פון דער טיר".

**ד** דער קאָצקער רבי זי"ע זאָגט (מדרש משה, בלק תרס"ט) אויף די ווערטער פון רש"י אין דער היינטיגער סדרה (כב, כה) דאָס אייזל האָט געזאָגט צו בלעם, "מה עשיתי לך כי הכיתני זה שלש רגלים", וואָס האָב איך דיר געטוהן, אַז דו האָסט מיך געשלאָגן דריי מאָל? זאָגט רש"י: "רמז לו, אתה מבקש לעקור אומה החוגגת שלש רגלים בשנה". דאָס אייזל האָט מרמז געווען פאַר בלעם (מיט די ווערטער "זה שלש רגלים"), דו ווילסט אויסרייסן אַ פאָלק (די אידן) וואָס פּראַוועט יעדן יאָר דריי ימים טובים.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דאָס אייזל מרמז געווען פאַר בלעם דווקא דעם ענין פון די דריי ימים טובים, און נישט אַנדערע מצוות, ווי די מצוה פון תפילין וואָס אידן לייגן יעדן טאָג, א.ד.ג.?

נאָר די כוונה איז, דאָס אייזל האָט איהם געוואָלט מרמז זיין, די אידן גייען דריי מאָל אַ יאָר צו אַ קליינע שטאָט ווי ירושלים, און דאָרט זענען זיי "עומדין צפופין ומשתחווים רווחים", ווייל עס איז זיי קיינמאָל נישט ענג דאָרט, און די משנה זאָגט (אבות פ"ה, מ"ה) אַז קיינער האָט קיינמאָל נישט געזאָגט אין ירושלים "צר לי המקום שאלין בירושלים", אָבער דו - בלעם - ביזט געשטאַנען איין מינוט אין אַן ענגן אָרט, און די האָסט שוין "פאַרלוירן דיינע נערוון"...

מ'קען צולייגן דערצו, איינע פון די יסודות פון עבודת ה' איז די מדה פון סבלנות, אָנצונעמען אַלעס מיט רואיגקייט, גלייבנדיג אין דעם אויבערשטען אַז אויב ער האָט איהם אַוועקגעשטעלט אין דעם מצב, דאַרף אַזוי זיין, און דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר'ן מענטש. מיט דעם קען מען דערקענען דער חילוק צווישן אידן און גוים: בלעם הרשע, ווען ער איז געווען אַביסל "געדרוקט", האָט ער באַלד געשלאָגן זיין אייזל, אָבער אידישער קינדער, אפי' ווען עס איז זיי "ענג", ווערן זיי נישט צובראָכן, און טאַקע דערפאַר ווײַט בלעם נישט קענען שעלטן די אידן, וואָס זיי זענען מאמינים בני מאמינים.

מיר געפינען אין חז"ל, די סיבה פאַרוואָס די אידן האָבן געמאַכט דעם עגל, ווייל זיי האָבן געזעהן "כי בושש משה", משה האָט זיך פאַרזוימט אַראָפּצוקומען פון הימל נאָך מתן תורה, ווי רש"י זאָגט (שמות לב, א) אַז ווען משה

רצון[ה], און נאָך מער, דורך דעם ווערט אַלעס איבערגעדרייט צום גוטן.

דער "ייטב לב" ברענגט דאָרט די ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אויפ'ן פסוק (תהלים צב, י)

---

רבינו ע"ה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג, האָט ער געזאָגט צו די אידן אַז ער וועט צוריקקומען אין די ערשטע זעקס שעה פון פערציגסטן טאָג, נאָר די אידן האָבן געהאַט אַ טעות ביים רעכענען דעם חשבון פון די פערציג טעג, פון ווען זיי הייבן זיך אָן.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט טאַקע משה, דער געטרייער פאַסטוך פון אידישע קינדער, נישט געזאָגט פאַר זיי גענוי ווען ער וועט צוריק אַראָפּקומען פון הימל, און ממילא, וואָלטן זיי נישט געהאַט אַ טעות און זיי וואָלטן נישט צוגעקומען צו מאַכן דעם עגל? נאָך מער איז שווער, מיר געפינען דאָך ביי משה רבינו ע"ה אַליין, אַז ער האָט זיך שטאַרק געהיטן מ'זאָל זיך נישט טועה זיין אין זיינע ווערטער, ווי ער האָט געזאָגט ביי מכת בכורות (שמות יא, ד), "כה אמר ה', כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים", און די גמרא זאָגט (ברכות ד.) אַז משה האָט ספּעציעל געזאָגט "כחצות", און נישט "בחצות", ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז די שטערן זעהער פון פרעה וועלן האָבן אַ טעות און זיי וועלן זאָגן אַז משה איז אַ ליגנער ח"ו. ממילא איז שווער, אויב ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געהיטן צו זאָגן פּונקטליכע ווערטער כדי פרעה'ס שטערן זעהער זאָלן נישט האָבן אַ טעות, האָט ער דאָך נאָך מער געדאַרפט זעהן דערצו אַז די אידן זאָלן נישט קענען מאַכן אַ טעות אין זיינע ווערטער?

ענטפערן די חכמי המוסר, אַז משה האָט ספּעציעל נישט געזאָגט קלאָרע ווערטער ווען ער וועט אַראָפּקומען פון באַרג, כדי די אידן זאָלן זיך צוגעוואוינען צו די מדה פון סבלנות, און זיי זאָלן זיך נישט אָפּטוהן פון די מדה אפילו אונטער די שווערסטע נסיונות, ווייל דאָס איז דער הויפּט יסוד אין עבודת ה', אַז מ'זאָל נישט צודריקן דעם קץ און מ'זאָל נישט נתפעל ווערן פון אַלע שטערונגען, נאָר מ'זאָל אַרויסקוקן און האָפן אויף די ישועה פון באַשעפער מיט געדולד. דאָס איז אַ לימוד פאַר אידן אין אַלע דורות, ווען דער מענטש איז "געדרוקט" צו וויסן ווען וועט שוין קומען די גרויסע ישועה, איינער וויל וויסן ווען וועט ער שוין זוכה זיין צו געפינען זיין זיווג, אָדער ווען וועט ער באַפרייט ווערן פון זיינע חובות, און ווען וועט ער אויסגעהיילט ווערן פון אַלע ווייטאָגן א.ד.ג. דאָס איז די פּראָבע, אויב ער וועט זיך אָנגאַרטלען מיט געדולד, צו האָפן און אַרויסקוקן אויף די ישועה פון באַשעפער וואָס וועט זיכער אָנקומען.

הגאון רבי יהודה אריה דינער שליט"א פון בני ברק דערציילט אַ מעשה וואָס עס האָט איהם דערציילט אַ חשוב'ער איד פון ענגלאַנד, ווי פאָלגענד: אַרום זעקס יאָר צוריק האָט ער געליטן פון אַ שווערן געלט קריזיס, און ער איז געווען געצוואונגען זיך צו דערקלערן באַנקראָט. אין צוגאָב צו די ריזיגע חובות וואָס האָבן איהם געפּלאָגט, איז ער געבליבן שטעקן מיט ריזיגע גאַראַזשן פול מיט סחורה וואָס ער האָט נישט געפונען פאַר זיי אַ קונה. מיט בערך אנדערהאלבן יאָר צוריק, האָט ער אַפילו געטראַכט אַז אפשר איז געקומען די צייט אַוועקצוואַרפן די גאַנצע סחורה אין מיסט אַריין, ווייל עס האָט נישט געזעהן אַז עס וועט נאָך אונטערקומען איינער וואָס זאָל קויפן די סחורה, אַפילו פאַר "קאָסט-פּרייז". אָבער ווען עס האָט אויסגעבראָכן די קאָראָנאַ מגיפה ה"י אויף דער וועלט, וואָס האָט איבערגעדרייט אַלע "סדרי בראשית", האָט ער, ברוך השם, פאַרקויפט די גאַנצע סחורה... וואָס איז געווען די "סחורה"? אַלזאָ, די סחורה איז באַשטאַנען פון די "מאַסקעס", וואָס מ'האָט געדאַרפט טראָגן אין צייט פון די מגיפה. ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז ער האָט פאַרקויפט די גאַנצע סחורה, פאַר אַ דאָפּלטן און דרייפאַכיגן פּרייז... אַזוי אַז נישט נאָר האָט ער, ברוך השם, באַצאָלט אַלע זיינע חובות, נאָר ער איז נאָך איבערגעבליבן מיט אַ שיינעם ריווח. זעהען מיר באַשיימפערליך ווי דער בורא כל עולם, דער "מסבב כל הסיבות", דרייט איבער דעם ענין פון "המתנה" (וואַרטן אויף די ישועה) צו אַ "מתנה"...

נאָך אַ טרעפליך וואָרט, זאָגט הרב דינער שליט"א, מענטשן פירן זיך צו פרעגן וועגן דעם עבר, "פאַרוואָס" ("למה") האָט אַזוי פּאַסירט, אָבער כלפי דעם עתיד, פרעגן זיי: "וואָס וועט זיין?", וואָס אויף לשון הקודש זאָגט מען דאָס "מה יהיה". זאָגט הרב דינער, די גימטריא פון וואָרט "למה" איז 75, און דאָס זעלבע אויך "מה יהיה". און וואונדער איבער וואונדער: אויך דאָס וואָרט "בטחון" באַטרעפט 75... כדי דיך צו לערנען, אַז "בטחון" נעמט אַוועק אַלע שאלות און קשיות, "למה", און "מה יהיה"... סיי דער עבר, און סיי דער עתיד, ווערן "פאַרענטפערט" אויב מ'האָט בטחון.

**ה** דער מענטש וואָס האָט אמונה, איז זוכה צו די מדה פון "השתוות", ווייל וואָס איז איהם דען אַ חילוק, אַזוי אָדער אַזוי... אַלעס איז דאָך פון דעם אויבערשטען, און אַלעס איז מיט אַ חשבון.

"כי הנה אויביך ה', כי הנה אויביך יאבדו". ווען דער מענטש אנערקענט אַז אַלע יסורים ("אויביך") קומען פון דעם אויבערשטען ("ה'"), "כי הנה אויביך יאבדו", ווערן פאַרלוירן פון איהם אַלע הסתרות און העלמות.

**דאָס** זעלבע איז אויך ברוחניות. ווען דער מענטש שפּירט אַז ער האָט נסיונות און הסתרות, דער יצר הרע וויל איהם איבעררעדן צו טוהן עבירות און איהם חלילה דערוויטערן פון דעם באַשעפער. אויב ער איז זיך מתבונן אַז די שוועריגקייט איז נישט מער ווי אַ נסיון וואָס דער אויבערשטער פּרובירט איהם צו זעהן אויב ער וועט זיך האַלטן פעסט, ווייל אויך דער יצר הרע איז אַ שליח פון דעם באַשעפער... און דאָס אַלעס איז כדי צו פאַרגרעסערן זיין שכר, און די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען צו איהם, און ער וועט נישט זינדיגן. אָט דער געדאַנק וועט אין איהם אַריינגעבן דעם כח צו האַלטן זיך פעסט קעגן דעם יצר הרע.

מיט דעם טייטשט דער "ייטב לב" דעם פסוק, "כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל", ווי אַזוי איז מען גורם אַז דער שלאַנג און דער "קסם" זאָלן נישט האָבן אַ שליטה ח"ו אויף אידישע קינדער? איז דער ענטפער: "כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל", די אידישע קינדער אַליין הענגען אָן אַלעס אין "מה פעל א-ל" - אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס. זיי זאָגן נישט אַז דער "נחש" און דער "קסם" האָבן עס געטוהן ח"ו. אפילו ווען עס קומט אויף איהם אַ צרה ח"ו, איינער האָט איהם פאַרשעמט אָדער געמאַכט אַ שאָדן, און ענליכע פּאַסירונגען, זאָגט ער נישט, "קוק וואָס יענער האָט מיר געטוהן", נאָר "יאמר ליעקב" - איינער זאָגט צום אַנדערן, "מה פעל א-ל"[ו], דער אויבערשטער האָט עס מיר געטוהן[ז].

**עס** שטייט אין ספר "נפש החיים" (שער ג, פי"ב) אויף די ווערטער פון דער גמרא (סנהדרין סז: און זעה חולין

---

אין דער היינטיגער סדרה, געפינען מיר אַ רמז אויף די מדה פון השתוות, דער פסוק זאָגט (כב, כא) "ויקם בלעם בבוקר". פרעגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "לב שמחה" זי"ע ("לב שמחה", פ' וירא) פאַרוואָס ביי בלעם שטייט "ויקם", און ביי אברהם אבינו ע"ה, שטייט אין די פרשה פון די עקידה (בראשית כב, ג) "וישכם" אברהם בבוקר?

ענטפערט דער "לב שמחה", אַז אויב דער מענטש זאָל זיך פאַרשטעלן אַז מאָרגן אינדערפרי וועט ער דאַרפן שחט'ן זיין איינציגן זון וואָס איז איהם געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער, איז דאָך פשוט אַז די גאַנצע נאַכט וועט ער נישט קענען צומאַכן אַן אויג, וויסנדיג וואָס עס וואַרט אויף איהם מאָרגן. אברהם אבינו ע"ה, האָט אָבער גאָרנישט משנה געווען פון זיין געוועהנליכן סדר היום. ביינאַכט האָט ער זיך געלייגט אויפ'ן בעטן און געשלאָפן אַזוי ווי יעדע נאַכט, און צומאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען גאָר פרי, כדי צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער. דאָס אַלעס האָט ער געטוהן ווייל ער איז געווען גאַנץ אין די מדה פון "השתוות". ביי איהם איז נישט געווען קיין חילוק צו דער אויבערשטער וויל פון איהם זיין זון, אָדער נישט, און ממילא, האָט ער געהאַט מנוחת הדעת און שלוות הנפש, אָבער בלעם האָט נישט באַוויזן צו שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און ער איז געלעגן אויפ'ן בעט אַ גאַנצע נאַכט באַשעפטיגט אין זיינע געדאַנקען און דמיונות, אָט גייט ער מאָרגן שעלטן די אידן, זיינע פיינט, און דערפאַר זאָגט דער פסוק "ויקם", און נישט "וישכם", ווייל ער האָט זיך בכלל נישט "אויפגעוועקט, פון שלאָף, נאָר ער איז "אַרויסגעגאַנגען" און איז "אויפגעשטאַנען" פון בעט...

**ו** דער הייליגער "תולדות יעקב יוסף" זי"ע זאָגט ("צפנת פענח", פ' משפטים, ד"ה "עוד י"ל ונבאר ענין תענית אסתר) אַ כוונה אין פסוק (תהלים טז, ח) "שויתי ה' לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט", מיט אַ משל וואָס ווערט געברענגט אין ספה"ק "ראשית חכמה" (שער האהבה), אַ מענטש שטייט פאַר'ן קעניג, און פלוצלינג קומט אַריין איינער און דערלאַנגט איהם אַ פאַטש אין פנים. איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז ווען ער שטייט פאַר'ן קעניג, וועט ער יענעם גאָרנישט ענטפערן, ווייל ממה נפשך, אויב דער שלעגער איז אַ שליח פונעם קעניג, טאָר מען דאָך אַוודאי נישט צוריק "דערלאַנגען", און אויב ער איז נישט געשיקט געוואָרן פונעם קעניג, וועט דאָך שוין דער קעניג אַליין זעהן איהם צו באַשטראָפן מיט'ן גאַנצן חומר הדין, פאַר די חוצפה צו שלאָגן איינער וואָס שטייט פאַר'ן קעניג... דאָס זעלבע ווען דער מענטש איז מקיים "שויתי ה' לנגדי תמיד", ער האָט שטענדיג דעם באַשעפער פאַר זיינע אויגן, און ער ווייסט אַז ער שטייט אייביג פאַר דעם גרויסן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס "מלא כל הארץ כבודו", ממילא "כי מימיני בל אמוט", ווערט ער נישט ווערן "אויפגעשאָקלט" פון קיין זאַך וואָס קומט אויף איהם, ווייל

ז:) "אין עוד מלבדו", זאָגט רבי חנינא, "אפילו לדבר כשפים", אַפילו פאַר כישוף. זאָגט רש"י: אַז אויך די כוחות פון כישוף האָבן נישט אַ כח צו גיין קעגן די גזירה פון באַשעפער, ווייל עס איז דאָך נישט דאָ אַ כח אויף דער וועלט, אויסער דער כח פון דעם אויבערשטען.

**ברענגט** די גמרא דאָרט אַ מעשה מיט אַ מכשפה וואָס האָט געוואָלט אַרויסנעמען ערד פון אונטער די פיס פון רבי חנינא (כדי צו מאַכן כישוף קעגן איהם ח"ו). האָט רבי חנינא איר געזאָגט, "דו וועסט נישט מצליח זיין מיט דיין כישוף". רבי חנינא איז געווען זיכער אַז זי וועט נישט קענען טוהן כישוף קעגן איהם, ווייל "אין עוד מלבדו" - דער באַשעפער איז דער איינציגער בעל הבית אויף דער וועלט.

**פרעגט** די גמרא, רבי יוחנן האָט דאָך געזאָגט, אַז די כישוף מאַכער ווערן גערופן "מכשפים", ווייל זיי זענען "מכחישין פמליא של מעלה", זיי "שוואַכן אָפּ" כביכול דעם כח פון די פמליא של מעלה (און רש"י זאָגט דאָרט: "כשפים", ראשי תיבות כ'חש פ'מליא ש'ל מ'עלה. דאָס הייסט, אפי' אויב עס איז נגזר געוואָרן אויפ'ן מענטש ער זאָל לעבן, קענען זיי איהם חלילה הרג'ענען). ענטפערט די גמרא, אַז רבי חנינא איז געווען אַנדערש, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסן זכות (זאָגט רש"י: "ומסרי נפשיה משמיא להצילו", מ'האָט געהאַט 'מסירות נפש' אין הימל איהם צו ראַטעווען).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, צו דען האָט רבי חנינא זיך אַזוי פאַרזיכערט אויף זיינע זכותים, אַז ער האָט געזאָגט אַז די כישוף מאַכער וועלן איהם נישט קענען שלעכטס טוהן?

---

דער וואָס האָט איהם געטוהן אַ רעה ח"ו איז דאָך מעגליך אַז ער איז אַ שליח פון דעם אויבערשטען, און אויב נישט, וועט דער אויבערשטער שוין זעהן זיך "מטפל צו זיין" מיט איהם...

ענליכע ווערטער צו די ווערטער פון "ייטב לב", זאָגט דער "דברי ישראל" (פרשתינו, ד"ה "כעת") אויפ'ן פסוק "כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א-ל". עס איז באַקאַנט אַז "יעקב" איז מרמז אויף אַ קלענערע מדרגה, און "ישראל" איז אַ גרעסערע מדרגה, די מדרגה פון די צדיקים. זאָגט דער פסוק: "כעת" - אָנצוהענגען די פּראָבלעמען אויף "די צייט", דורך זאָגן אַז "יעצט איז אַ שווערע תקופה...", און מ'פאַרגעסט אַז דער אויבערשטער האָט אַלעס געמאַכט, דאָס איז "יאמר ליעקב", אַזעלכע ווערטער, זאָגט איינער וואָס איז אין אַ קלענערע מדרגה ("יעקב"). "ולישראל" דער מענטש וואָס איז אין אַ העכערע מדרגה (וואָס ער ווערט אָנגערופן "ישראל"), אַזאַ איינער זאָגט: "מה פעל א-ל", פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער אַזוי געטוהן?...

לויט דעם, טייטשט דער "דברי ישראל" די ווערטער וואָס מיר זאָגן (זמירות ליל שב"ק) "שכרו הרבה מאד על פי פעלו". פרעגן די ספרים, אויב דער שכר וואָס דער מענטש באַקומט איז גאָר פיל - "הרבה מאד" - איז דאָך עס נישט "על פי פעלו" - לויט זיינע מעשים? ווידער, אויב עס איז "על פי פעלו", איז דאָך עס נישט "הרבה מאד", ווייל אַזוי קומט דאָך עס, אַז מ'זאָל איהם צאָלן "על פי פעלו". זאָגט דער "דברי ישראל", אַז דאָ איז מרומז אַז דער מענטש וואָס גלייבט באמת אַז יעדע זאַך איז "על פי פעלו" פון דעם אויבערשטען, אַזאַ איינער איז זוכה צו "שכרו הרבה מאד". די אמונה עפנט פאַר איהם אַלע טויערן פון ברכות און השפעות טובות.

**ז** לויט דעם טייטשט דער "ייטב לב" אַז דעריבער האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו משה "מתוך הסנה" - פון דעם דאָרן - און נישט פון אַן אַנדערן בוים, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים צא, טו) "עמו אנכי בצרה", דער אויבערשטער כביכול געפינט זיך מיט'ן מענטש אין זיין צרה. דאָס האָט דער אויבערשטער געוואָלט ווייזן פאַר משה רבינו ע"ה, אַז אַלע ווייטאָגליכע "דערנער" פאַר די אידן זענען אויך לטובה, און אויך אין אַ ווייטאָדיגן "דאָרן" רוהט דער אויבערשטער כביכול.

דאָס איז אויך די כוונה פון די חז"ל (גיטין ז.) רב אחא פון בי חוזאה זאָגט, יעדער מענטש וואָס האָט אַ "צעקת לגימא" (ער שרייט אַז יענער האָט איהם צוגענומען זיין פרנסה) אויף זיין חבר, איז דער באַשעפער, "שוכן בסנה" - וואָס זיין שכינה רוהט אינעם דאָרן - וועט זיך אָננעמען פאַר איהם. דאָס איז אַ רמז, פון וואו נעמט אַ מענטש אַזעלכע שטאַרקע כוחות הנפש, צו קענען שווייגן ווען זיין חבר באַ'עוולט' איהם? איז דער תירוץ, ווייל ער פאַרשטייט און ער ווייסט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס "רוהט אין דעם דאָרן", דאָס הייסט, אַז אַלע יסורים קומען פון באַשעפער ב"ה, וואָס ער מיינט די טובה פון מענטש. דעריבער קען ער שווייגן ווען זיין חבר באַגייט קעגן איהם אַן עוולה.

**ענטפערט** דער "נפש החיים", אוודאי האָט רבי חנינא זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיינע גרויסע זכותים, אַז ער איז ראוי געראַטעוועט צו ווערן אַדאַנק זיינע זכותים, נאָר ער האָט געוואוסט אַז דער גאַנצער כח פון די מזיקים קומט אויף פונעם באַשעפער יתברך שמו. אָן דעם כח פון באַשעפער, זענען אַלע מזיקים "אפס ותוהו" - גאָרנישט מיט נישט. וויבאַלד רבי חנינא האָט געוואוסט אַז דער באַשעפער טוט אַלעס, איז ער ממילא געווען זיכער אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פון זיי.

**דער** "נפש החיים" פירט אויס: דאס איז באמת אַ גרויסער ענין, און אַ וואונדערליכע סגולה, אָפּצוטוהן און בטל מאַכן פון זיך אַלע דינים, אַז זיי זאָלן נישט קענען האָבן אַ שליטה ח"ו אויף איהם, און זיי זאָלן נישט מאַכן אויף איהם אַ רושם. ווען דער מענטש לייגט אַריין אין האַרץ אַז דער אויבערשטער איז דער אמת'דיגער גאָט, און "אין עוד מלבדו" - נישט דאָ אויף דער וועלט נאָך אַ כח, אויסער דער כח פון דעם אויבערשטען, און אַלעס איז פיל נאָר מיט זיין "אחדות הפשוט" יתברך שמו, און ער קוקט נישט אויף קיין שום אַנדערן כח און רצון אויף דער וועלט, און ער איז משעבד און מדבק זיין ריינע מחשבה נאָר פאַר'ן איינציגן באַשעפער ברוך הוא, אַזוי וועט דער אויבערשטער איהם העלפן, אַז עס זאָלן ממילא בטל ווערן פון איהם אַלע כוחות און רצונות אויף דער וועלט, און זיי זאָלן איהם נישט קענען שלעכטס טוהן ח"ו.

### ויגל ה' את עיני - די טובה און גוטס איז שוין צוגעגרייט

**ויגל** ה' את עיני וגו' (כב, לא). דער אויבערשטער האָט אויפגעדעקט די אויגן (פון בלעם).

**מיר** געפינען אין חז"ל, דעם ענין פון "ויגל ה'", דער מענטש דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט און ער זעהט נישט וואָס עס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן, אפילו זאַכן וואָס זענען אַ ווירקליכקייט, ביז דער אויבערשטער - וואָס ער איז דער "פוקח עורים" - עפנט זיינע אויגן, און אַלעס ווערט אַנטפּלעקט פאַר איהם.

**אַזוי** איז אויך לגבי די פרנסה פון מענטש, ווי דער "שפת אמת" זי"ע טייטשט (חוקת תרנ"ט, ד"ה "בפסוק") דעם פסוק (במדבר כ, ח) "ודברתם אל הסלע לעיניהם ונתן מימיו". דער אויבערשטער זאָגט צו משה און אהרן, איר זאָלט רעדן צום שטיין, פאַר די אויגן פון די אידן, און ער וועט געבן וואַסער.

**ברענגט** דער "שפת אמת", די באַקאַנטע ווערטער פון מדרש (ב"ר פנ"ג, יד) "אמר רבי בנימין, הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם, מן הכא (בראשית כא, יט) ויפקח אלקים את עיניה". רבי בנימין האָט געזאָגט, אַלע מענטשן זענען אַזוי ווי בלינד, ביז דער אויבערשטער דערלייכט זייערע אויגן (צו זעהן).

**זאָגט** אויף דעם דער "חידושי הרי"ם" זי"ע, אַז באמת, איז אייביג אָנגעגרייט פאַר יעדע באַשעפעניש, אין יעדן אָרט און אין יעדע צייט, נאָר ס'איז באַהאַלטן פון דעם גשמיות'דיגן אויג, אָבער ווען דער אויבערשטער דערלייכט זיינע אויגן, זעהט ער אַלעס פאַר זיך[ח]. דאָס איז געווען דער רצון פון דעם אויבערשטען ווען ער האָט געזאָגט "ודברתם אל הסלע", אַז די אויגן פון די אידן זאָלן דערלויכטן ווערן, און דאַן וועלן זיי זעהן אַז דאָס וואַסער איז אָנגעגרייט פאַר זיי אינעם שטיין[ט].

**דאָס** דאַרפן מיר אַלע געדענקען. אַ מחותן, וואָס זאָרגט זיך טאָג און נאַכט איבער געלט פאַר די הוצאות

---

**ח** ס'איז באַקאַנט, די "סגולה" צו געפינען אַן אבידה וואָס מ'פאַרלירט, צו זאָגן די אויבן-דערמאנטע ווערטער פון מדרש, "אמר רבי בנימין, הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם" וכו'. באמת, אָבער, איז דאָס נישט סתם אַ "לחש" וואָס מ'זאָגט אַלס אַ "סגולה", נאָר די כוונה דערפון איז, איינצובאַקען אין אונזערע הערצער די ריינע אמונה, אַז דער אויבערשטער שטעלט-צו אַלע באַדערפענישן פאַר'ן מענטש. ער האָט איהם שוין פריער צוגעגרייט די ישועה, דער מענטש דאַרף נאָר "עפענען די אויגן", צו זעהן אַז די אבידה איז דאָ, און ער וועט עס תיכף "געפינען"...

**ט** אַ חסיד האָט אַמאָל געהערט פון זיין רבי'ן חיזוק ווערטער אין דעם ענין פון בטחון. צווישן אַנדערע, האָט דער רבי געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האָט בטחון אין דעם אויבערשטען, פעלט איהם באמת קיינמאָל גאָרנישט. האָט דער חסיד, וועלכער איז געווען אַ תמימות'דיגער איד, אָנגענומען דעם רבי'ן'ס ווערטער "הלכה למעשה", באַלד איינגעמאָלדן פאַר זיינע בני בית, אַז ער גייט אָפּלאָזן זיין אַרבעט, און ער וועט זיך אַוועקזעצן לערנען אין

דערנעבנדיגן וואַלד, במשך פון די קומענדיגע וואָך. ער האָט צוגעגעבן, אַז זיי דאַרפן נישט זאָרגן איבער וואָס ער וועט עסן, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט איהם שיקן עסן צו דערהאַלטן דאָס חיות.

דער חסיד, האָט געהאַט אַ שכן, אַ לץ, וועלכער האָט געהערט זיינע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט צו זיינע בני בית, און ער האָט באַשלאָסן איהם נאָכצוגיין און זעהן וואָס ער טוט. ער האָט זיך מיטגענומען עסן, און איז נאָכגעגאַנגען דעם איד אין וואַלד אַריין.

אין וואַלד, האָט ער טאַקע געזעהן ווי דער חסיד לערנט מיט גרויס התמדה, און דערנאָך שטעלט ער זיך דאַווענען פאַר'ן באַשעפער פון דער וועלט. נאָכ'ן דאַווענען, האָט ער געבעטן דעם אויבערשטען, ווי אַ קינד רעדט צו זיין טאַטן, ער זאָל איהם געבן צו עסן, ווייל ער איז הונגעריג... ווען דער שכן האָט געהערט זיין תפילה פון טיפן האַרצן, האָט ער תיכף אַראָפּגעוואָרפן פון דעם הויכן אָרט וואו ער האָט באַהאַלטן אויפ'ן בוים, אַ שטיקל ברויט צו עסן, און וואַסער צו טרינקען... דער חסיד איז געווען דערשטוינט צו זעהן ווי דער אויבערשטער שיקט-צו תיכף אויפ'ן אָרט, די עסן פאַר איהם. ער האָט געהערט זיין תפילה, ווייל "לא יבושו ולא יכלמו כל החוסים בו", און ער האָט זיך ווייטער געזעצט לערנען מיט התמדה.

צומאָרגנס, איז ער שוין געווען אָפּגעשוואַכט, און ער האָט ווידעראַמאָל געבעטן דעם אויבערשטען ער זאָל איהם שפייזן... און ווי נעכטן, האָט ער אויך צומאָרגנס באַקומען פונעם שכן עסן "פון הימל"... אַזוי האָט די זאַך זיך איבערגע'חזר'ט טאָג-טעגליך, ביז ענדע וואָך, און דער חסיד איז אַהיים געקומען לוסטיג און פריילך.

ווען זיין שכן, דער לץ, האָט איהם באַגעגנט אויף דער גאַס, האָט ער זיך אינטערעסירט "לפי תומו", "נייגעריגערהייט", ווי אַזוי די וואָך איז אַריבער... האָט דער חסיד געשילדערט פאַר זיין שכן דעם לץ, ווי ער האָט זוכה געווען צו "לחם מן השמים" - ברויט פון הימל... האָט דער לץ איהם געזאָגט:

- נישט פון הימל, האָט מען דיר געשיקט ברויט, נאָר ס'איז געווען 'מעשי ידי אדם'... איך בין דאָרט געשטאַנען, איך האָב געהערט דיין תפילה, און איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פאַר דיר דאָס ברויט פון אויבן...

זאָגט איהם דער חסיד:

- יאָ, אָבער ווער האָט דיר אַריינגעגעבן אין קאָפּ אַזאַ משוגעת, מיר נאָכצוקוקן אַ גאַנצע וואָך צייט, און צו וואַרפן פאַר מיר פון דיין ברויט צו עסן, אויב נישט דער אויבערשטער אַליין, בכבודו ובעצמו... דו ביזט געווען נישט מער ווי אַ שליח פונעם אויבערשטען, ווייל "הרבה דרכים למקום"...

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, האָט דערציילט, אַז דער "אור החיים" הקדוש זי"ע, האָט אַמאָל געהאַלטן אַ דרשה פאַר די מענטשן פון זיין קהילה, און ער האָט פאָרגעשלאָגן פאַר זיי, צו זיין פון די תלמידים פון דעם הייליגן תנא רבי מאיר, וואָס ער זאָגט (אבות פ"ד, מי"ב) "הוי ממעט בעסק, ועסוק בתורה". דו זאָלסט האַנדלען ווייניג, און זיך אָפּגעבן מיט לימוד התורה. אַלזאָ, האָט דער "אור החיים" הקדוש געזאָגט צו די אידן, זאָלן זיי האַנדלען נאָר די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך, און אין די איבעריגע טעג זאָלן זיי זיצן און לערנען. ער האָט צוגעגעבן אַ פאַרזיכערונג פון זיין זייט, אַז אויב זיי וועלן אַזוי טוהן, איז ער אַן "ערב", ער האַפט פאַר זיי, אַז זייער ביז-איצטיגע פרנסה, וועט זיין פונקט אַזוי גרויס ווי פריער. עס וועט זיי גאָרנישט פעלן.

די שטאָט-לייט האָבן איהם געפאָלגט, און זייער גאַנצער לעבנס-שטייגער האָט זיך טאַקע געענדערט צום גוטן. ביז עטליכע וואָכן, האָבן אויך די מענטשן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט זיי, שוין געוואוסט אַז פון דינסטאָג נאַכט ביז דעם קומענדיגן זונטאָג אינדערפרי, איז נישט דאָ צו וועמען צו רעדן וועגן האַנדל... די ברכה האָט טאַקע געהערשט ביי זיי, און עס האָט זיי גאָרנישט געפעלט פון זייער פריערדיגע פרנסה, כאָטש זיי האָבן שוין יעצט פאַרברענגט אַ סאַך ווייניגער צייט ביים האַנדלען.

דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען עטליכע יאָר, ביז דער "אור החיים" הקדוש זי"ע האָט פאַרלאָזט מאַראָקאָ, און איז אַרויפגעפאָרן וואוינען אין ארץ ישראל. דאַן האָט דער יצר הרע זיך פאַרלייגט אויף די אידן אין שטאָט, און ער האָט אַריינגעגעבן ספיקות אין זייערע הערצער, צו גלייבן אַז דאָס האַנדלען ווייניגער פאַרמינערט גאָרנישט פון די פרנסה, ביז זיי האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן פון די "גוטע קבלה" וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך צו לערנען אַ האַלבע וואָך, און זיי האָבן זיך ווייטער גענומען האַנדלען אַלעס זעקס טעג פון דער וואָך. זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דעם וועלן זיי דאָפּלען זייערע הכנסות. פאַקטיש, אָבער, האָבן זיי שפּעטער איינגעזעהן, אַז זיי האָבן נישט פאַרדינט אַפילו אַ פּרוטה מער ווי פריער, און מיט זייער גאַנצע האָרעוואַניע, האָבן זיי גאָרנישט דערגרייכט. זיי האָבן

החתונה פון זיין זון אָדער טאָכטער, און זעהט נישט פון וואו דאָס געלט וועט אָנקומען, אָדער דער מענטש וואָס דאַרף "דעקן" זיין "קרעדיט קאַרד"... און ער קען זיך נישט אַן עצה געבן מיט אַ תירוץ אויף די קשיא "מאין יבוא עזרי"... אָדער אַ בחור וואָס וואַרט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן צו הערן דעם ענטפער פון די הנהלה פון דער ישיבה, אויב ער איז געוואָרן אָנגענומען, אָדער נישט... און דאָס גלייכן. אַ קראַנקער ל"ע וואָס וואַרט צו הערן אויב ס'איז שוין דאָ אַ רפואה פאַר זיין מחלה רח"ל, וכדומה. די אַלע דאַרפן וויסן, אַז יעדע זאַך וואָס דער מענטש נויטיגט זיך דערין, איז אָנגעגרייט פאַר איהם פון פריער, ער דאַרף נאָר בעטן דעם אויבערשטען ער זאָל איהם עפענען די אויגן און ער זאָל געפינען דאָס וואָס ער דאַרף האָבן.

**דער** "משך חכמה" (דברים י, כ) שרייבט אַ מקור אין דער תורה פאַר דער מצוה פון בטחון, פון פסוק "ובו תדבק". שרייבט ער, עס איז פאַראַן 3 סאָרט מדריגות אין בטחון. 1 - די פאַרזיכערונג וואָס א פּאָלק האָט אינעם קעניג, אַז ער וועט זאָרגן פאַר זייערע באַדערפענישן. 2 - אַ נאַטורליכע פאַרזיכערונג, ווי אַ פרוי וואָס פאַרזיכערט זיך אויף איר מאַן אַז ער וועט זאָרגן פאַר אירע באַדערפענישן. 3 - איז נאָך אַ שטאַרקערער בטחון, ווי אַ בן מלך פאַרלאָזט זיך אויף זיין טאַטן דעם קעניג, אַז ער וועט זאָרגן פאַר איהם אַזוי ווי ער זאָרגט פאַר זיך אַליין, און ער וועט איהם צושטעלן אַלעס וואָס עס פעלט איהם.

**שרייבט** דער "משך חכמה": אָט די אַלע זאַכן זענען פאַהראַן ביי דעם אויבערשטען. "הוא מלכנו, הוא אבינו", און ממילא, "הוא יושיענו". די סיבה פון די אמונה איז, ווייל דער אויבערשטער כביכול איז "דבוק" אין זיינע באַשעפענישן צוצושטעלן פאַר זיי אַלעס וואָס זיי דאַרפן האָבן, און זיי צו באַשיצן פון די ווייטאָגן

---

איינגעזעהן "עין בעין", אַז זייער הייליגער רבי, דער בעל "אור החיים", איז געווען גערעכט מיט זיינע ווערטער אַז די פרנסה וואָס איז באַשטימט פון הימל פאַר'ן מענטש, איז נישט אָנגעבונדן אין די האָרוואַניע וואָס דער מענטש לייגט אַריין דערין (געברענגט אין ספר "מסוד שיח חסידים", ע' 95).

**י** דער רד"ק ז"ל זאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קמה, יז) "צדיק ה' בכל דרכיו", מיר זעהען אַז די בעלי חיים פאַרציקן איינער דעם אַנדערן. צום ביישפיל, די קאַץ פאַרציקט דאָס מייזל און עסט איהם אויף. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַרא גערעכטיגקייט איז דאָ אין דעם? נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער ווייסט אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר דעם מייזל צו שטאַרבן, און ממילא טוט ער איהם אָנגרייטן צו די קאַץ אַז זי זאָל אויפעסן דאָס מייזל, און אַזוי זעטיגט זי איר אייגענעם הונגער. קומט אויס, אַז נישט די קאַץ האָט גע'הרג'עט דאָס מייזל, נאָר דאָס מייזל איז געשטאָרבן ווייל עס האָט זיך געענדיגט די באַשטימטע צייט פאַר'ן מייזל צו לעבן, און וויבאַלד ס'איז שוין ממילא אַרויס די גזירה אויפ'ן מייזל אַז עס זאָל שטאַרבן, זאָל שוין ענדערש געשפייזט ווערן דערמיט די קאַץ.

ער שרייבט: "כי בצדק ובישור נותן לכל אחד אוכל", מיט גערעכטיגקייט, געבט דער אויבערשטער פאַר יעדן איינעם צו עסן, און כאָטש די לעבעדיגע באַשעפעניש עסט אויף אַ צווייטע לעבעדיגע באַשעפעניש, ווי די קאַץ דעם מויז, און דער לייב און דער בער און דער טיגער, און אַזוי אַלע חיות וואָס עסן אויף אַנדערע חיות, און די עופות וואָס פאַרציקן אַנדערע עופות, אַלעס איז מיט גערעכטיגקייט פון דעם אויבערשטען, ווייל אויך די פאַרציקטע חיות און עופות האָבן באַקומען פון דעם אויבערשטען זייער עסן ביי זייער לעבן, נאָר ווען עס קומט זייער צייט צו שטאַרבן האָט דער אויבערשטער פון פריער אַרויסגעגעבן אַ גזירה אַז זייער טויט זאָל זיין צומאָל דורך די הנאות פון אַנדערע בעלי חיים.

ענליכע ווערטער, שרייבט דער "רבינו בחיי", אויפ'ן פסוק (דברים כב, ח) "ועשית מעקה לגגך", און חז"ל זאָגן (שבת לב.) "ועשית מעקה לגגך, כי יפול הנופל ממנו", אַז באמת איז דער מענטש (וואָס איז אַראָפּגעפאַלן) געווען ראוי צו פאַלן פון ששת ימי בראשית, נאָר דו טאָרסט נישט זיין דער גורם אַז ער זאָל שטאַרבן דורך דיר. זאָגט דער רבינו בחיי אַ כוונה אין די חז"ל, ווייל אַלע באַשעפענישן זענען באַשאַפן געוואָרן מיט זייער אייגענעם ווילן, און דער אויבערשטער האָט תיכף ביים אָנהייב פון די בריאה, זיי געלאָזט וויסן אַלע זייערע ענינים, און אַלע פאַסירונגען וואָס זענען אָנגעגרייט צו קומען אויף זיי. אויך האָט ער זיי איינגעמאָלדן זייער לעבן און זייער טויט ווי אַזוי עס וועט זיין, און אויך זייער שפייז, אויב זיי וועלן האָבן בריווח אָדער בצער, אַליין אָדער פון אַנדערע. און אַזוי דרש'ענען חז"ל (חולין ס.) אַז אַלע מעשי בראשית זענען באַשאַפן געוואָרן לויט זייער ווילן, און מיט זייער געשטאַלט.

און קראנקהייטן. דער באַשעפער כביכול, "בכל צרתם לו צר" (ישעיה סג, ט), ער איז דער איינציגער און אמת'ער בעל יכולת וואָס ווייסט אַלע באַהעלטענישן פון די מענטשן, און ממילא, זאָרגט ער פאַר זייערטוועגן מער ווי זיי זאָרגן זיך אַליין פאַר זיך. און אויב אַזוי, דאַרף דער מענטש זיין רואיג און זיכער, און טוהן (השתדלות) נאָר וויפיל דער באַשעפער ברוך הוא האָט גוזר געווען, ווי דער חסיד שרייבט אין שער הבטחון פון ספר "חובות הלבבות".

**זאָגט** דער "משך חכמה" ווייטער, אַז דאָס ווערט גערופן "ובו תדבק", צו זיין דבוק אין דעם אויבערשטען. ווען דער מענטש שטעלט זיך פאָר אַז ער איז דבוק אין די השגחה העליונה פון באַשעפער, און אַז דער אויבערשטער שפירט אַלע זיינע ענינים מער ווי ער אַליין שפירט וכו', איז דער מענטש רואיג און זיכער און ער זאָרגט זיך נישט פאַר זיינע באַדערפענישן, ווייל ער ווייסט אַז זיינע אייגענע מעגליכקייטן זענען ווערדלאָז קעגן דעם יכולת פון באַשעפער וואָס איז דבוק מיט איהם און שפירט ווען עס פעלט איהם עפּעס. דאָס ווערט גערופן "דביקות", און עס איז אַ מצוה כוללת אין פאַרשידענע בחינות, אָן קיין חילוק[יא] וכו', ווי די חז"ל זאָגן (ילקוט תהלים, רמז תשיט) אויפ'ן פסוק (תהלים לב, י) "רבים מכאובים לרשע והבוטח בה' חסד יסובבנהו", אין דעם ענין וואָס ער פאַרזיכערט זיך (אויפ'ן באַשעפער) העלפט איהם דער באַשעפער מצד דעם חסד[יב].

---

דער "רבינו בחיי" פירט אויס: באמת איז ער געווען ראוי נאָך פון ששת ימי בראשית אַראָפּצופאַלן פונעם דאַך, און פונדעסטוועגן, איז דאָ אַ גרויסע שטראָף פאַר דעם מענטש וואָס פירט-צו דערצו אַז יענער זאָל אַראָפּפאַלן, און וועגן דעם דאַרף ער בויען אַ צוים אויף זיין דאַך.

קומט אויס פון די ווערטער פון דעם "רבינו בחיי", אַז מיר טאָרן זיך נישט אָפּרעדן חלילה וועגן אונזער גורל בגשמיות אָדער ברוחניות, בגוף ובנשמה, ווייל דער גאַנצער פּלאַן פון דעם מענטשן'ס לעבן אויף דער וועלט איז געווען פאַר זיינע אייגענע אויגן איידער ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, און לויט זיין אייגענעם ווילן און מיט זיין פולע צושטימונג, איז אונטערגעשריבן געוואָרן די "באַשטעטיגונג" פאַר זיין לעבן בכל פרטיה ודקדוקיה. נאָר וואָס דען, דאַן האָט ער געזעהן מיט זיינע שכליות'דיגע אויגן ווי אַלעס איז פאַר זיין טובה וועגן, און אויב מ'וואָלט היינט געעפענט פאַר איהם די טויערן פון די הימלען און מ'וואָלט איהם געפרעגט איבער זיין מיינונג ווי אַזוי עס זאָל אויסזעהן די הנהגה פון הימל מיט איהם, איז ווען ער וואָלט געזעהן דאָס גאַנצע בילד, פאַר זיינע אויגן, ווי יעדער פּרט פירט זיך פאַר זיין טובה, וואָלט ער דאָך אַוודאי נאָך אַמאָל אויסגעקליבן גענוי דאָס זעלבע לעבן, דעריבער דאַרף דער מענטש זיך פרייען מיט זיין באַשעפער און מיט זיין הילף.

אַזוי זאָגט רש"י אין זיין פּירוש אויף תהלים (טז, ה) "אתה תומיך גורלי" - "אתה הוא אשר הניחות ידי על החלק הטוב". דו ביזט דער וואָס דו האָסט מיך געפירט אויף דעם גוטן חלק.

**יא** אַ ליובאַוויטשער חסיד, ר' רפאל בלינער ז"ל, האָט מזכיר געווען פאַר זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "צמח צדק" זי"ע, זיין זון וועלכער איז ליידער געוואָרן קראַנק ל"ע און איז שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון טויט רח"ל. מיט אַ היסטערישן געוויין, האָט ר' רפאל געבעטן דעם "צמח צדק", ער זאָל איינרייסן רחמי שמים פאַר זיין זון. האָט דער "צמח צדק" איהם געזאָגט:

- נו, טראַכט גוט, וועט זיין גוט...

האָט ר' רפאל געזאָגט צום "צמח צדק":

- נו, זאָל דער רבי טראַכטן... ווער בין איך, און וואָס בין איך, אַז מיינע געדאַנקען, צו טראַכטן גוט, זאָלן פועל'ן?!...

האָט דער "צמח צדק" איהם געענטפערט:

- איך האָב דיך געוואָלט אויסלערנען, אַז די גוטע מחשבה העלפט צו ברענגען אַ גוטע פעולה. ס'איז נישט קיין חילוק ווער ס'איז דער מענטש וואָס טראַכט די מחשבה, דער עיקר איז - וואָס ער טראַכט...

**יב** די גרויסע מעלה פון די מדה פון בטחון, קען מען זעהן פון די ווערטער פון הרה"ק בעל "שם משמואל" זי"ע (מקץ תרע"ה, ועוד) אויף דעם וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען צו זאָגן יעדן טאָג ביי תפילת שחרית (ברכת "אהבת עולם"), "אבינו מלכנו בעבור שמך הגדול ובעבור אבותינו שבטחו בך". זעהען מיר אַז דער עיקר זכות

**וגלוי עינים - דער באַשעפער פירט אַלעס צום גוטן**

"**נאום** הגבר שתום העין... נופל וגלוי עינים" (כד, ג-ד).

**זאָגט** דער של"ה הקדוש ("תורה אור", פרשתינו), דו זאָלסט וויסן, אַז פון הימל קומט נישט אַראָפּ אַ שלעכטע זאַך ח"ו פאַר'ן אידישן פאָלק, ווייל זיי זענען דעם אויבערשטען'ס קינדער, און כאָטש דער אויבערשטער האָט געצערנט אויף זיי און חרוב געמאַכט זיינע צוויי בתי מקדש, און פאַרטריבן די אידן צווישן די גוים... איז דאָס אַלעס פאַר זייער טובה[ג], ווי אַ מענטש שטראָפט זיין זון כדי איהם אַוועקצושטעלן אויפ'ן גוטן וועג. קומט אויס אַז אויב די אידן שטעלן זיך אַוועק אויפ'ן גוטן וועג, דאַרף דער אויבערשטער זיי מער נישט שטראָפן.

**זאָגט** דער של"ה הקדוש, אַז דאָס איז די כוונה פון דעם פסוק: "נאום הגבר", ווען דאָס מזל פונעם מענטש "שטאַרקט זיך" צום גוטן, און ער איז מצליח אין אַלע זיינע וועגן, געדענקט ער נישט אַז דער אויבערשטער טוט גוטס מיט איהם, ער איז אין דער בחינה פון אַ "שתום העין" - זיינע אויגן זענען פאַרשטאָפּט צו זעהן אַז די גאַנצע טובה און ברכה איז געוועזן פון דעם אויבערשטען. נאָר "נופל" - ווען דער מענטש האָט אַ "נפילה" ח"ו, דאַן: "וגלוי עינים" - עפנט ער די אויגן, צו זעהן און דערמאָנט זיך אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט. פאַרוואָס האָט ער נישט געדענקט דעם אויבערשטען ווען ער האָט איהם געגעבן אַלעס גוטס? אויב ער וואָלט עס דעמאָלס איינגעזעהן, וואָלט ער דאָך נישט געדאַרפט אָנקומען צו די נפילה[ד].

**אַלענפאַלס**, אויב עס דאַכט זיך פאַר'ן מענטש אַז מ'האָט איהם "טונקל געמאַכט" ח"ו פון

---

פון די אונזערע הייליגע אבות, איז דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט בטחון אין דעם אויבערשטען, און אויף דעם טוען מיר זיך אָנהעגנען ווען מיר זוכן זכותים אין הימל.

**יג** אונזערס אַ באַקאַנטער, אַ בחור פון בני ברק, איז אַ חתן געוואָרן מיט אַ בת תלמיד חכם פון קרית יואל. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט די שמחה, שוין אָפּגערעדט פון זיינע עלטערן און פאַמיליע. ליידער, אָבער, אין דער וואָך פאַר דעם "אויפרוף" איז דער חתן אַריינגעפירט געוואָרן אין שפיטאָל, וואו מ'האָט איהם אָנגעזאָגט די ביטערע בשורה אַז ער ליידט פון אַ שווערע צוקער קראַנקהייט רח"ל, און מ'האָט איהם קוים געלאָזט אַהיים גיין אויף שבת, כדי צו קענען פראַווען דעם "שבת אויפרוף". נאָך שבת, איידער ער איז אַרויסגעפאָרן צו דער חתונה קיין אַמעריקע, האָט מען אָנגעהאָנגען אויפ'ן חתן אַ מאַשין וואָס מעסט נאָכאַנאַנד די מאָס פונעם צוקער אין זיין קערפּער (ווען דער צוקער גייט אַרויף אָדער אַראָפּ מער ווי געהעריג, פייפט דאָס מאַשינדל, איינצומעלדן פאַר דעם וואָס טראָגט עס אויף זיך). די משפחה האָט אָנגענומען שווער די בשורה איבער דער צוקער קראַנקהייט פונעם חתן, אָבער זיי האָבן זיך פּרובירט צו שטאַרקן, גלייבנדיג באמונה שלימה אַז אַלעס איז צום גוטן.

למעשה, האָט דער חתן ב"ה אויפגעשטעלט אַ בית נאמן בישראל (ער איז דאָרט, אין ק"י, אויך געוואָרן אַ מגיד שיעור), און צום יאָר פון דער חתונה, איז ביי איהם ב"ה געבוירן געוואָרן אַ קינד בשעטו"מ. פרייטאָג צו נאַכטס, נאָך די סעודה אין הויז פון זיין שווער, איז ער געגאַנגען אין שול כדי אויפצונעמען די געסט וואָס קומען ווינטשן מזל טוב לכבוד דעם "שלום זכר", און וועלנדיג זיין אין שול באַצייטענס איז ער געגאַנגען פאַראויס אַליין, איידער דער שווער זיינער און די משפחה זענען געקומען. אויפ'ן וועג צו די ביהמ"ד, האָט ער געדאַרפט אַדורכגיין אַ קליין וועלדל, וואו אַ סאַך מענטשן האָבן מורא צו גיין אין די שעה'ן פון דער נאַכט, ווייל עס דרייען זיך דאָרט אומגעוואונשענע עלעמענטן.

אַלזאָ, אַזוי האָט טאַקע פאַסירט מיט דעם יונגערמאַנטשיק. אַ באַנדע שוואַרצע כוליגאַנעס האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אין איהם, און איהם שיער גע'הרג'עט רח"ל. בלויז אַ גרויסער נס האָט געראַטעוועט זיין לעבן, ווייל ווען די מערדערישע פאַרברעכער האָבן איהם אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, האָט זיין מאַשינדל (וואָס ווייזט אָן אויף די מאָס פונעם צוקער אין זיין קערפּער) פלוצלינג אָנגעהויבן פייפן, און די שחורים האָבן זיך דערשראָקן און זענען אַנטלאָפן... מיינענדיג אַז דאָס מאַשינדל "טעלעפאָנירט" צו די פּאָליציי, און עס מעלדט איין פאַר די פּאָליציי וואו ער געפינט זי אין יעצטיגן מאָמענט... אַזוי אַז זיין צוקער קראַנקהייט האָט איהם גאָר געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט דורך בני עוולה רח"ל.

**יד** אַ חשוב'ער ראש הכולל, וואָס האַלט אויס איבער 100 יונגעלייט וועלכע זיצן על התורה ועל העבודה, האָט געליטן פון אַ פינאַנציעלן קריזיס, און די ביישטייערונגען זענען געוואָרן ווייניגער און ווייניגער. ער האָט נישט

הימל, זאָל ער וויסן אַז דער אויבערשטער האָט איהם נישט פאַרלאָזט ח"ו, נאָר אדרבה, ער האַלט זיין השגחה פּרטית אויף איהם נאָך מער ווי פריער, און דער "פינצטערניש" איז געקומען נאָר דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם ליב מיט אַן אויסערגעוועגליכע ליבשאַפט, און דער אויבערשטער זוכט שטענדיג אַז די אידן, זיינע ליבע קינדער, זאָלן זיך שפּירן נאָנט צו איהם[טו]. אויב ער וועט פון יעצט און ווייטער אויפהייבן

---

געוואוסט פון וואו ער וועט נעמען צו באַצאָלן פאַר די יונגעלייט אין כולל. איז ער אַריינגעגאַנגען צו איינע פון די גדולי הדור, און זיך אָפּגערעדט פון האַרצן איבער דער שווערער לאַגע, צוגעבנדיג, אַז ער האָט מורא אַז ער וועט זיין געצוואונגען צו שליסן דעם כולל. האָט דער גדול איהם געזאָגט:

- אדרבה, נעם אַריין נאָך 20 יונגעלייט, און דער זכות פון החזקת התורה, וועט דיר ביישטיין דו זאָלסט געהאָלפן ווערן מיט די נויטיגע ישועה.

דער ראש הכולל האָט געפאָלגט, ער האָט אַריינגענומען נאָך 20 יונגעלייט אין כולל, און ער האָט צום סוף געטראָפן נדיבי עם וועלכע האָבן איינגעשטימט אויסצוהאַלטן דעם כולל. די שפע איז געווען אויף אַזאַ ברייטן פאָרמאַט, בעזרת השי"ת, אַז ער האָט שפּעטער געקענט אַריינעמען נאָך און נאָך יונגעלייט, און דער כולל איז געוואָרן אַ "בית ועד לחכמים" פאַר נישט וויניגער ווי 200 יונגעלייט תלמידי חכמים...

אַ צייט שפּעטער, איז דער ראש הכולל אַריין צו יענעם גדול און איהם באַדאַנקט, דערציילנדיג אַז דער כולל האָט זיך - ברוך השם - געדאָפּלט, און היינט לערנען שוין דאָרט 200 יונגעלייט. דערביי האָט ער געפרעגט דעם גדול, צו ער זאָל אַריינעמען נאָך יונגעלייט אין כולל... האָט דער גדול איהם געזאָגט: "חלילה, דו זאָלסט נישט אַריינעמען מער יונגעלייט, ווייל אויך די צוויי הונדערט וואָס דו האָסט שוין יאָ יעצט אין כולל, זענען אין אַ געפאַר אויב דו וועסט נישט האָבן צו באַצאָלן...". איז דער ראש הכולל געוואָרן אויפגעציטערט, און געפרעגט דעם גדול:

- ילמדנו רבינו, פאַרוואָס פריער, ווען איך בין געווען אין אַ שווערן פינאַנציעלן מצב, האָט דער רב מיר געהייסן אַריינעמען נאָך יונגעלייט אין כולל צו לערנען, און יעצט, ווען דער כולל שטייט - ברוך ה' - אויף פעסטע יסודות, די הוצאות פון כולל ווערן געדעקט דורך רייכע פילאַנטראָפּן, זאָגט מיר דער רב אַז כ'זאָל נישט וואַגן אַריינצונעמען נאָך יונגעלייט, ווייל אויך די פריערדיגע זענען אין אַ סכנה אַז זיי וועלן נישט קענען בלייבן לערנען אין מיין כולל?

האָט דער גדול איהם געענטפערט:

- פריער, ווען דו ביזט געקומען צו מיר זייענדיג אין אַ 'פאַרלוירענעם' מצב, שפּירנדיג אַז דו אַליין ביזט נישט בכח אָנצוהאַלטן ווייטער דעם כולל, און דו האָסט געוואוסט אַז נאָר דער אויבערשטער איז דער וואָס קען דיר העלפן, האָב איך געוואוסט אַז דיין ישועה איז נאָנט, און דו קענסט אַפילו אַריינעמען אין דיין כולל נאָך יונגעלייט, אָבער יעצט, ווען דו ביזט מצליח און עס איז דיר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק אַז דו ביזט שוין אַ 'מוצלח'..., און דו טראַכטסט אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'... איז דאָך דער גאַנצער כולל אין אַ געפאַר חלילה צו ער וועט בכלל קענען עקזיסטירן.

פון די מעשה לערנען מיר וועגן די פליכט פון יעדן איינעם צו געדענקען דעם באַשעפער ברוך הוא, אויך אין די "הצלחה שבתוך ההצלחה"...

**טו** אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האָט אַ איד געפרעגט דעם באָבוב'ער רב, הרה"ק בעל "קדושת ציון" זצ"ל הי"ד, וואו איז דער אויבערשטער... ווי אַזוי פאַרהוילט ער זיך און ערלויבט פאַר די דייטשע רשעים ימ"ש צו טוהן וואָס זייער האַרץ גלוסט, "להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים" רח"ל?

האָט דער "קדושת ציון" געענטפערט מיט אַ משל, אַ נגיד'ישער איד וואָס וואוינט אין אַ שיינע גרויסע הויז, מיט אַ גאָרטן אינדרויסן. ביים עק פונעם גאָרטן, שטייט אַ מויער אָפּצוטיילן צווישן דעם גאָרטן און דעם דערנעבנדיגן וואַלד, וואו עס ווירבלען פאַרשידענע פאַרציקנדע חיות, לייבן, וועלף און בערן. דער באַלעבאָס האָט שטענדיג אָנגעוואָרנט זיין קליינעם זון, ער זאָל נישט וואַגן אַריבערצוקריכן דעם צוים צום וואַלד, ווייל עס קען איהם דאָרט כאַפּן אַ מסוכנ'דיגע חיה רח"ל און פאַרצוקן ל"ע.

ווי ס'איז דער שטייגער פון קינדער, האָט אָבער דאָס קינד נישט געפאָלגט זיין טאַטנ'ס וואָרענונג, און ער איז יאָ אַריבערגעקראָכן דעם מויער צו דער זייט פונעם וואַלד, און אַזוי האָט ער געטוהן פון צייט צו צייט. יעדעס מאָל, איז זיין טאַטע איהם נאָכגעלאָפן, כדי איהם צוריקצוברענגען לשלום. איין טאָג, האָט דער פאָטער באַשלאָסן

דעם קאָפּ צום הימל און זאָגן, "טאַטע, טאַטע, הנני, פון יעצט אָן וויל איך זיין נאָענט צו דיר", וועט זיין מזל אויפשיינען בעזרת השי"ת.

**גדר מזה וגדר מזה - מאַכן אַ גדר אין יראת שמים און בפרט אין שמירת עינים**

**ויעמוד** מלאך ה' במשעול הכרמים גדר מזה וגדר מזה (כב, כד). זאָגט דער "חומת אריאל", במשע"ל ראשי תיבות ש'כר מ'צוה ב'האי ע'למא ל'יכא (קידושין לט:). איז דער פסוק מרמז, בלעם האָט דאָך געוואָלט שעלטן די אידן. ער האָט אָבער געוואוסט אַז ער וועט זיי נישט קענען מאַכן פאַרלירן זייער חלק אין עולם הבא, איז ער געקומען מיט אַ טענה אַז מ'דאַרף זיי נישט געבן שכר אויף דער וועלט, ווייל "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא".

**זאָגט** דער "ערוגת הבושם" (ד"ה "ויעמוד"), אַז וועגן דעם האָט מען פון הימל געשטעלט דעם מלאך צווישן די "צוימען" ("גדר מזה וגדר מזה"), ווייל אין דעם איז געווען אַן ענטפער אויף די טענה פון בלעם, אַז כאָטש "שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", אבער אויב דער מענטש מאַכט גדרים און סייגים, באַקומט ער יאָ שכר אויף דער וועלט! און וויבאַלד אידן מאַכן שטענדיג אַ "גדר מזה וגדר מזה" - גדרים פון אַלע זייטן - וועט ער זיי נישט קענען שעלטן, "כי ברוך הוא", ווייל די אידן זענען געבענטשט פון דעם אויבערשטן.

**פון** דעם לערנען מיר דער חיוב צו מאַכן גדרים און סייגים וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון אַן עבירה, ווייל אָן אַ גדר, קען דער מענטש געשטרויכלט ווערן חלילה[טז], און אַוודאי אויב ער איז אַ פורץ גדר ח"ו[יז].

---

צו לערנען דעם זון אַ "לעקציע", ער זאָל וויסן "איינמאָל פאַר אַלעמאָל"... אַלזאָ, דער טאַטע האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ לייב, און אָנגעהויבן קריכן "אויף אַלע פיר", און געלאָזט הערן געשרייען פון אַ לייב. אין דער מינוט וואָס דאָס קינד האָט אַריבערגעטראָטן די ערד פונעם וואַלד, איז דער "לייב" געקומען צו לויפן צום קינד און איהם געוויסן. אַ דערשראָקענער און פאַרוואונדעטער, האָט דאָס קינד געשריגן: "טאַטע! טאַטע! ראַטעווע מיך!". דער טאַטע האָט אָבער נישט געענטפערט...

ווען דאָס קינד איז צוריקגעקומען אַהיים, און געהאַט אַ טענה צום טאַטן: "טאַטע, איך האָב דאָך געשריגן 'טאַטע! טאַטע! פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען מיך ראַטעווען?', האָט דער פאָטער איהם געענטפערט:

- קינד לעבן, וויסן זאָלסטו אַז דאָס איז נישט געווען אַ לייב, נאָר דאָס בין איך אַליין געווען דער וואָס האָט דיך געביסן, כדי דו זאָלסט לערנען "אויף דער אייגענער הויט" אַז מ'טאָר נישט אַריבערשפּרינגען די צוים...

דער נמשל איז - האָט דער "קדושת ציון" זצ"ל אויסגעפירט - אַלע צרות און יסורים זענען נאָר פון דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט זיך יעצט פאַרשטעלט פאַר אַ "לייב", כדי מיר זאָלן האָבן שכל צו גיין אין זיינע וועגן, און מיר זאָלן זיך ח"ו נישט דערווייטערן פון איהם...

**טז** די גמרא זאָגט (סנהדרין קו.) וועגן דעם חטא פון די אידן אין דעם אָרט וואָס האָט געהייסן "שיטים". די מואבים האָבן אַוועקגעשטעלט געצעלטן צו פאַרקויפן קליידער פון פשתן (פלאַקס), און ווען אַ איד איז אַריינגעקומען אין געצעלט פון דעם מואבי, האָט מען איהם אָנגעבאָטן צו טרינקען ווייַן פון די עמונים. די גמרא דערציילט, אַז דעמאָלס האָט מען נאָך געמעגט טרינקען וויין פון גוים, און נאָך דעם ווי דער איד האָט געטרינקען פונעם וויין, האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַקערט אין איהם דער יצר הרע.

זאָגט הגאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, מורא'דיגע ווערטער: נישט אומזיסט זאָגט די גמרא אַז דעמאָלס איז נאָך נישט געווען פאַרבאָטן צו טרינקען "סתם יינם", נאָר עס קומט אונז צו לערנען, אַז אויב עס דעמאָלס וואָלט שוין געווען דער איסור, וואָלטן זיי נישט געטרינקען דערפון, און ממילא, וואָלטן זיי נישט געהאַט די שרעקליכע נפילה. דער גאַנצער חטא איז געקומען נאָר פון דעם וואָס די אידן האָבן נישט אַוועקגעשטעלט אַ גדר צו אסר'ן "סתם יינם".

**יז** מיט דעם טייטשט דער "ערוגת הבושם", די ווערטער וואָס בלעם האָט געזאָגט, "לכה ארה לי יעקב". "ארה" איז פון לשון "אורה בתאנים", וואָס מיינט אויספּרעסן. ביי פייגן געפינען מיר (פאה פ"א מ"ד, שבת סח.) אַז ס'איז נישט "לקיטתו כאחת". מ'קלויבט נישט די פייגן אין איין זמן, נאָר אין פאַרשידענע צייטן. דאָס האָט בלעם געוועזן מרמז פאַר בלק: אויב דו ווילסט אָפּרייסן אידן פון זייער שורש אין קדושה, זאָלסטו וויסן אַז דו וועסט זיי נישט קענען אָפּרייסן פון שורש אויף איינמאָל, נאָר דו דאַרפסט קודם אַראָפּנעמען פון זיי איין גדר פון קדושה, און דערנאָך אַ צווייטן גדר,

**דער** ראב"ד ז"ל שרייבט ("בעלי הנפש", שער הקדושה), אַז דער ערשטער פון אַלע גדרים, איז צו היטן די אויגן. ווען מ'היט די אויגן, היט מען דאָס האַרץ, און דער מענטש וואָס היט זיינע אויגן און זיין האַרץ, איז אָפּגעהיטן אין גאַנצן קערפּער[ח].

**דער** הייליגער "אור החיים" הקדוש[ט] זיעוכ"י - יומא דהילולא, ט"ו תמוז - זאָגט אויף דעם פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (כה, א) "וישב ישראל בשטים". דער פּסוק זאָגט די סיבה פאַר די עבירה, "לפי שיצאו העם לטייל חוץ למחנה ישראל... ושם נכשלו". וויבאַלד

---

און אַזוי קענסטו זיי אַראָפּפירן שטאַפּל נאָך שטאַפּל, ביז זיי וועלן חלילה אָנקומען אין שאול תחתיות רח"ל.

אַרום 240 יאָר צוריק, האָט אין דער שטאָט פאַס, מאַראָקאָ, פּאַסירט די פאָלגענדע מעשה: אַ רייכער מאַן האָט ליב געהאַט אַרויסצוגיין פון צייט צו צייט פאַנגען חיות. די חיות וואָס ער האָט געפאַנגען, פלעגט ער אַוועקשענקען פאַר'ן "טור-גאַרטן" ("זו") וואָס האָט זיך געפונען אין קעניגליכן פּאַלאַץ.

איינמאָל איז איהם געלונגען צו פאַנגען אַ קליינעם לייב, נאָר דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן איהם אַליין צו "ערציען" ביי זיך אינדערהיים... ער האָט איהם גענומען צו זיך אַהיים, און ער האָט איהם ערצויגן. מיט דער צייט, איז דער קליינער לייב אויפגעוואַקסן, און איז געוואָרן מסוכן'דיג. האָט ער רייכער מאַן צוגעבונדן דעם לייב מיט אַ שטריק, און דעם צווייטן עק פונעם שטריק האָט ער צוגעבונדן צו די אייזערנע גראַטעס, וואָס זענען געווען אויף דער שטיינערנער צוים וואָס האָט אָפּגעטיילט צווישן זיין הויף און די גאַס. אַזוי איז ער געווען זיכער ביי זיך, אַז עס וועט גאָרנישט פּאַסירן.

אַמאָל זענען אָנגעקומען אין פאַס צוויי סוחרים, צו קויפן סחורה אויפ'ן יאַריד. ווען זיי האָבן געוואָלט אַהיימפירן די סחורה, האָבן זיי געדאַרפט האָבן שטריק צוזאַמענצובינדן די סחורה. איינער פון זיי האָט באַמערקט דעם עק פון אַ שטריק צוגעבונדן צו דער אייזערנער צוים אויפ'ן הויף פון דערמאָנטן גביר. האָט ער געזאָגט פאַר זיין שותף, "נאָך וואָס דאַרפן מיר קויפן אַ גאַנצן בינטל מיט שטריק? ס'איז דאָך גענוג אָפּצורייסן דעם שטריק וואָס איך האָב געפונען, און מיר וועלן עס נוצן צוצובינדן די סחורה. האָט דער צווייטער סוחר איהם געזאָגט, מ'טאָר דאָך נישט אַוועקנעמען ביי אַ צווייטן אַ זאַך וואָס געהערט צו איהם. דער שותף האָט אָבער זייער געגליסט צו נעמען דעם שטריק, און ער האָט געזאָגט פאַר צווייטן, "אַפילו אויב מיר זאָלן אָננעמען אַז ס'איז אַן עבירה (צו נעמען דעם שטריק), איז עס נישט אַזאַ גרויסע עבירה, נאָר אַ קלייניגקייט... וואָס איז דען ווערד אַזאַ שטריק? בלויז איינצלנע פּרוטות...". בפרט אַז מ'דאַרף עס נאָר "פאַר פּרנסה"...

דער ערליכער שותף, האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען ער זאָל צונעמען דעם שטריק. ער האָט איהם איבערגעלאָזט, און איז אַרויף אויפ'ן וואָגן. דער צווייטער סוחר האָט אַרויסגענומען אַ מעסער, און אָפּגעשניטן דעם שטריק, און אָנגעהויבן שלעפּן... ער האָט אַזוי לאַנג געשלעפּט דעם שטריק, ביז דער לייב האָט זיך באַוויזן און אַרויסגעקוקט דורך די גראַטעס... האָט דער לייב פאַרשטאַנען אַז יעצט איז ער פריי, ער איז אַריבערגעשפּרינגען די מויער, אַרויפגעשפּרינגען אויפ'ן סוחר, און זיך גענומען רייסן פון איהם שטיקער... ער האָט געשריגן, און דער צווייטער שותף האָט זיך אויסגעדרייט זעהן פאַרוואָס ער שרייט, אָבער דערווייל איז שוין געווען צו שפּעט. דער שותף איז שוין געלעגן אַ טויטער רח"ל אויף דער ערד. עס זענען געזעסן "שבעה" 20 מענטשן (זיינע זין, טעכטער, די אלמנה, זיינע עלטערן, ברידער, און שוועסטער).

אין די "שבעה" האָט אַ רב וועלכער איז געקומען מנחם אבל זיין, געזאָגט צו די אבלים: "זעהט נאָר, זעהט וואָס עס מיינט אויפצורייסן אַ קליינעם 'גדר', מיט אַראָפּנעמען אַ שטריק איז ער אומגעקומען רח"ל און גורם געווען אַזוי פיל צער פאַר די משפחה, אַז 20 מענטשן דאַרפן זיצן "שבעה" ל"ע.

פון דעם לערנען מיר, אַז אַפי' ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז דאָ איז נאָר אַ קליינער "גדר", און עס וועט גאָרנישט געשעהן אויב ער וועט עובר זיין אויפ'ן גדר, איז אָבער זיין סוף אַ ביטערער רח"ל. דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן, דער מענטש עפנט פאַר זיך אַ קליין "שטריקל", אַ קליינעם גדר, און ער פאַרשטייט נישט אַז מיט דעם מאַכט ער זיך אַליין חרוב, און נישט נאָר מאַכט ער חרוב זיין אייגענע וועלט, נאָר אַלע אַרומיגע וואָס באַוויינען איהם, און דערנאָך איז שוין צו שפּעט. דעריבער דאַרף מען זיך היטן באַצייטנס פון אויפרייסן אַפילו דעם קלענסטן גדר.

**יח** עס שטייט אין ספר "מחזה עינים" (דף ו. טור ב') אַ רמז אויף די ווערטער פון דער גמרא (תענית כד.) "כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריכה בדיקה". דאָס איז אַ רמז פאַר יעדע מענטש, אַז אויב זיינע אויגן זענען "יפות", דאָס

הייסט, ער היט זיינע אויגן ריכטיג, ווייזט עס אַז זיין גאַנצער גוף איז גאַנץ און אָפּגעהיטן בקדושה, און מ'דאַרף איהם נישט נאָכקוקן.

הגה"ק בעל "משנת חסידים" זצ"ל טייטשט (אין ספר "חושב מחשבות"), דעם פסוק (דברים כח, לד) "והיית משוגע ממראה עיניך". די חז"ל זאָגן (סוטה ג.) "אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות". דער מענטש זינדיגט נישט, נאָר אויב עס גייט אַריין אין איהם אַ 'רוח שטות'. אויף דעם זאָגט דער פסוק: והיית "משוגע", דו וועסט זינדיגן חלילה. "ממראה עיניך", ווייל דו קוקסט מיט דיינע אויגן וואו מ'טאָר נישט קוקן.

**יט** ס'איז שטארק באַקאַנט די סגולה צו לערנען דעם ספר "אור החיים" הקדוש, אַז עס העלפט ברוחניות ובגשמיות, בבני, חיי, ומזוני רוויחי.

ברוחניות - ווען מ'פלעגט מזכיר זיין פאַר'ן אַלטן סקווערער רבי'ן, הרה"ק רבי יעקב יוסף זצ"ל, אַ בחור וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן ח"ו, פלעגט ער הייסן לערנען מיט'ן בחור "אור החיים" הקדוש (מ'קען לערנען יעדן שטיקל וואָס מ'וויל, נישט דווקא ענינים פון מוסר).

עס ווערט געברענגט ("המאיר לעולם", ע' נג) אַז דער טאָרנער רב, הגאון רבי מאיר אריק זצ"ל, האָט געהאַט אַ שיעור קבוע צו ענדיגן יעדע וואָך דעם גאַנצן פירוש פון "אור החיים" הקדוש אויף דער פרשה. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט געענדיגט דעם גאַנצן "אור החיים" אויף די פרשה, האָט ער געשפירט אַז ער איז געוואָרן אַ נייער מענטש.

בני - ביי די לוי' פון בראַשוב'ער רב, דער גאון רבי דוד שפערבער זצ"ל (מחבר פון ספר "אפרקסתא דעניא"), איז הגה"צ רבי בנימין מענדעלסאָהן זצ"ל, דער רב פון דעם חרדי'שן ישוב קוממיות, געגאַנגען צוזאַמען מיט גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל (וועלכער איז דעמאלטס נאָך נישט געווען גערער רבי), און ער האָט דערציילט פאַר'ן "לב שמחה", אַז דער בראַשוב'ער רב האָט לאַנגע יאָרן נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו זש"ק. אַמאָל איז ער געווען ביי הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע פון ספינקא, און דער "אמרי יוסף" האָט איהם געהייסן לערנען אַ געוויסן שטיקל אין ספר "אור החיים" הקדוש, אַלס אַ סגולה געהאָלפן צו ווערן בזרע של קיימא. דער בראַשובער רב האָט אַזוי געטוהן, ער האָט געלערנט דעם שטיקל אין "אור החיים", און ער איז ב"ה געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. שפעטער האָט דער בראַשוב'ער רב פאַרגעסן דאָס אָרט אין "אור החיים" וואָס דער "אמרי יוסף" האָט איהם געהייסן לערנען.

האָט דער "לב שמחה" געזאָגט צום קוממיות'ער רב:

- הער וואָס יעך (איך) וועל דיר זאָגן! אין אמת'ן אַריין, איז יעדעס שטיקל אין דעם הייליגן ספר מסוגל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. וויבאַלד דער "אור החיים" הקדוש האָט ליידער נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא, האָט ער אַריינגעלייגט דעם גאַנצן 'כח המוליד' אין זיין ספר!

אַזוי שטייט טאַקע אויך אין "אמרי פנחס", ("ליקוטי אמרי פנחס" ח"ב, שער התורה, אות יג) אַז הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד דער "אור החיים" הקדוש האָט נישט געהאַט קינדער, האָט ער אַריינגעלייגט זיין גאַנצן כח ההולדה אינעם ספר. "שמכיר במחבר שאין לו בנים, וכל כח הפורה שלו הניח בספרו זה".

הרה"צ רבי הלל שלעזינגער ז"ל האָט נישט געהאַט קיין קינדער לאַנגע יאָרן נאָך דער חתונה. דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, "ווען אויף מיין האַנט וועט וואַקסן גראָז, וועסטו האָבן קינדער". איז ר' הלל גלייך אַראָפּגעפאָרן צום ציון פון אור החיים הק', און ער האָט דאָרט מקבל געווען אויף זיך צו לערנען אור החיים הקדוש לכל הפחות איינמאָל אַ וואָך, און ער איז באַלד דערנאָך געהאָלפן געוואָרן מיט זש"ק. זיינע דריי איידימער זענען געווען מגדולי ירושלים: 1) הגה"צ רבי משה האַלבערשטאַם זצ"ל, חבר הבד"צ דהעדה החרדית בירושלים עיה"ק 2) הגה"צ רבי משה נחום שפירא זצ"ל, מח"ס הר הקודש ומשנת כסף 3) הגה"צ רבי סנדר פריינד זצ"ל.

נאָך מער דערציילן די קינדער פון הגאון הצדיק רבי משה האַלבערשטאַם זצ"ל, חבר הבד"צ דירושלים, אַז זייער מוטער, הרבנית שתחי', איז אַלס קליין קינד אַמאָל געווען ביי אַ דאָקטאָר פאַר אַ געוויסן טיפול, און דער דאָקטאָר האָט באַמערקט ביי איר אַ חשש פון דער דיפטעריע מחלה רח"ל (וואָס איז דעמאָלטס געווען זייער פאַרשפרייט אין ירושלים, און פון איר קלאַס, זענען דריי קינדער אַוועק פון דער וועלט פון די מחלה רח"ל). דער דאָקטאָר האָט באַלד געוואָלט אָפּערירן. איז איר פאָטער, הרה"צ רבי הלל שלעזינגער זצ"ל, שנעל אַריבערגעלאָפן צום ציון פונעם אור החיים הק', און מקבל געווען אויף זיך מחזק צו זיין זיין שיעור אין אוהחה"ק, און איז דערנאָך געגאַנגען אין בית המדרש פונעם "אור החיים" הקדוש אין דער אַלטשטאָט, אָנגעצונדן אַ לעכט לע"נ האור החיים הק', און מקבל געווען אויף זיך ערב שבת צו צינדן אַ לעכטל, און ב"ה, זי איז געזונט געוואָרן לאיוש"ט.

חיי - עס איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספר "אמרי פנחס" (שער התורה, קלג) אַז אַמאָל איז אַ זון פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע געווען נישט געזונט ל"ע, און ער האָט גענומען אויף זיך צו לערנען יעדן טאָג אַ בלאַט "אור החיים" אין די גרויסע חומשים וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין שקלאָוו.

אין יאָר תשע"ג, האָט איינער פון די חשוב'ע ראשי ישיבה אין ארץ ישראל, ליידער פאַרלוירן דעם כח הראיה רח"ל. די דאָקטוירים האָבן איהם געזאָגט אַז ער וועט מער נישט קענען זעהן ח"ו. אין טאָג פונעם יאָרצייט פונעם "אור החיים" הקדוש, האָט ער געבעטן זיינע תלמידים, זיי זאָלן איהם פירן צום ציון, און ער האָט זיך געשלעפּט אויפ'ן שווערן וועג אַרויף צום ציון אויפ'ן הר הזיתים. דאָרט, האָט ער מקבל געווען אויף זיך צו לערנען יעדן טאָג דעם פירוש "אור החיים".

ווען ער איז געקומען עטליכע שפּעטער אין שפּיטאָל פאַר פרישע אונטערזוכונגען, האָט דער דאָקטאָר געזעהן אינעם "טעסט" אויף זיין מח, אַז דער טייל פון מח וואָס איז ממונה אויף די ראיה פון מענטש, האָט אָנגעהויבן אַרבעטן געהעריג... ממילא, האָט דער דאָקטאָר איהם געראַטן זיך צו אָפּערירן אויף די אויגן, כדי ער זאָל קענען צוריק באַקומען די ראיה. היינט, זעהט ער, ברוך ה', אויף די אויגן... דאָס איז נאָר איין מעשה פון טויזנטער.

מזוני - מיר זענען געווען עדות, צוזעהענדיג די פאָלגענדע מעשה: אַ גרופּע יונגעלייט זענען געפאָרן צום ציון פון "אור החיים" הקדוש (נישט אין טאָג פונעם יאָרצייט), און גערעדט וועגן די סגולה צו נעמען אויף זיך צו לערנען זיין הייליגן ספר, ווייל אַזוי קען מען פועל'ן גרויסע ישועות.

אַ טאָג שפּעטער, האָט איינער פון די יונגעלייט וואָס איז דאָרט געווען, אַ מוכר ספרים, דערציילט, אַז ער איז לעצטנס "געבליבן שטעקן" מיט הונדערטער ספרים - צווישן זיי, 250 סעטס "אור החיים". ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין קונים פאַר די ספרים, און ער האָט שאָדן געהאַט אַ סאַך געלט. דערציילט ער, אַז אַ נאַכט פריער, האָט ער גענומען אויף זיך צו לערנען בקביעות אין דעם ספר, און יענעם פרימאָרגן, האָט זיך געוואָנדן צו איהם אַ ספרים-געשעפט, און באַשטעלט ביי איהם אַ סאַך ספרים, צווישן זיי 250 סעטס "אור החיים"...

דער הייליגער "אור החיים הקדוש" זי"ע שרייבט אויפ'ן פסוק (שמות כב, ו) "כי יתן איש אל רעהו" וגו', "שאין לך שעה ורגע שאין ה' עושה פעולה עם האדם, בין בבחינת גופו בין בבחינת צרכיו". עס איז נישטאָ אַפילו אַ מינוט וואָס דער אויבערשטער טוט נישט א פעולה מיט'ן מענטש, ער איז משגיח אויף איהם, סיי בנוגע זיין גוף, סיי בנוגע אַלע זיינע באַדערפענישן, עכל"ק.

קומט אויס, אַז אויך ווען דער מענטש זעהט נישט מיט זיינע אייגענע אויגן די גרויסע חסדים וואָס דער באַשעפער טוט מיט איהם, דאַרף ער גלייבן אַז אַזוי איז עס באמת, און אדרבה, לויט די גרויסע פינצטערניש, אַזוי גרויס איז די לעכטיגקייט וואָס וועט קומען אויף איהם, ווייל אונטער די פינצטערניש איז באַהאַלטן אַ גרויסע לעכטיגקייט.

דער ענין געפינען מיר אַ סאַך מאָל אין "אור החיים" הקדוש, אַז דער מענטש דאַרף וויסן, אַז יעדע הסתרה איז באמת אַ גרויסע טובה פאַר איהם.

ס'איז באַקאַנט, אַז דער "אור החיים" הקדוש, האָט לכתחילה געהאַט בדעה זיך צו באַזעצן אין טבריה, אָבער צוליב אַ מעשה שהיה, איז ער אַוועקגעפאָרן פון טבריה, און זיך באַזעצט אין ירושלים, ומעשה שהיה כך היה:

דער אור החיים הק' איז אַמאָהל געזעסן ביי אַ סעודה מיט הגה"ק רבי חיים אבולעפיא זי"ע (מנוחת קדשו אין טבריה). אינמיטן די סעודה, האָט דער אוהחה"ק נישט געוואָלט מיטעסן. אויף די פראַגע פון רבי חיים אבולעפיא, פאַרוואָס ער עסט נישט, האָט דער אוהחה"ק געענטפערט אַז ער שפירט דאָרט אַ רוח פון טומאה רח"ל. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צוויי צימערן פון דאָרט, איז די משרתת געשטאָרבן אינמיטן שלאָף רח"ל, און פון דעם איז געווען דער רוח הטומאה וואָס דער אוהחה"ק האָט מרגיש געווען. כדי נישט גורם צו זיין חלישות הדעת פאַר רבי חיים אַבולעפיא, "מי גדול ממי", אַז ער האָט יאָ געשפירט דעם רוח הטומאה פון דעם טויט פון די משרתת און רבי חיים אַבולעפיא האָט עס נישט מרגיש געווען, צוליב דעם האָט דער אוהחה"ק זיך דעמאָלט אַוועקגעצויגן פון טבריה, און איז אַריבערגעפאָרן וואוינען אין ירושלים.

עס איז ידוע אַז דער אור החיים הקדוש האָט איבערגעלאָזט פאַר זיינע פרויען (וועלכע זענען שפּעטער נטמן געוואָרן נישט ווייט פון מקום מנוחת קדשו) אַ פּאָר תפילין, כדי זיי זאָלן זיך קענען מפרנס זיין פון דעם וואָס זיי וועלן אַוועקבאָרגן פאַר מענטשן צו לייגן תפילין, און יענע וועלן צאָלן געלט דערפאַר. ער האָט אָבער אָנגעזאָגט די ווייבער, זיי זאָלן שטאַרק מקפיד זיין אַז די וואָס באָרגן די תפילין זאָלן נישט אויסרעדן בשעת'ן טראָגן די תפילין. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מ'וועט רעדן מיט די תפילין, נעמט ער נישט קיין אחריות דערויף.

דאָס פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אינדרויסן פון די אידישע מחנה, זענען זיי דאָרט געשטרויכלט געוואָרן. אויף דעם זאָגט דער פסוק, "וישב ישראל בשטים". "שטים" איז פון לשון שפּאַצירן, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר יא, ח) "שטו העם ולקטו" וגו', זאָגט רש"י: "אין שייט אלא לשון טיול". דאָס איז געווען די סיבה פאַרוואָס די אידן זענען נעבעך דורכגעפאַלן מיט אַזאַ שרעקליכן חטא.

**פון** דעם לערנען מיר ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן נישט צו גיין אויף עקלדיגע פּלעצער, וואו עס הערשט אַ סכנה פאַר די אויגן, און פאַר די ענינים פון קדושה אין אַלגעמיין[ב].

**עס** שטייט אין ספה"ק "תפארת שלמה" (פרשתינו, ד"ה "וכסה") אויפ'ן פסוק "הנה עם יצא ממצרים, הנה כסה את עין הארץ". אַלע מדריגות פונעם מענטש, זיינע עליות און ירידות, ווענדן זיך אין דעם ווי ווייט ער היט-אָפּ זיינע אויגן נישט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן. אויב ער האַלט זיך צוריק פון קוקן אויף שלעכטס, ווערט ער הייליגער און הייליגער, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית לח, כא) "איה הקדשה היא בעינים". "כי עיקר הקדושה של האדם בשמירת העינים". די עיקר קדושה פון אַ מענטש ווענדט זיך אין דעם ווי ווייט ער היט זיינע אויגן.

**פון** דער צווייטער זייט, אויב ער איז מפקיר זיינע אויגן רח"ל, קען ער פאַלן חלילה ביז צום תהום רח"ל, ווי די גמרא זאָגט (ב"ב ג.) "היזק ראיה שמיה היזק".

**מיט** דעם טייטשט דער "תפארת שלמה", דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כד, ד) "נופל וגלוי עינים". בלעם'ס נפילה איז געקומען ווייל ער איז געווען אַ "גלוי עינים". ער האָט נישט אָפּגעהיטן זיינע אויגן. אויף דעם האָט בלק זיך באַקלאָגט: "הנה כסה את עין הארץ". די אידן דעקן צו זייערע אויגן נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, און פון דעם האָט בלק גאָר שטאַרק מורא געהאַט.

**אַזוי** טייטשט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל, דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כד, ד) "נאום שומע אמרי א-ל אשר מחזה ש-ד-י יחזה נופל וגלוי עינים". אַפילו איינער וואָס איז אַ "שומע אמרי א-ל", און ער זעהט "מחזה ש-ד-י", פונדעסטוועגן פאַלט

---

די פרויען פונעם "אור החיים" הקדוש האָבן טאַקע אָפּגעהיטן זיינע ווערטער ווי עס דאַרף צו זיין. זיי האָבן שטאַרק אָנגעוואָרענט אַלע וואָס האָבן געבאָרגט די תפילין, נישט אויסצורעדן מיט די תפילין, און זיי האָבן געדינט אַלס שומרים דערויף. מאַכט זיך אַמאָל אַז עס איז געקומען אַ סוחר באָרגן די תפילין, און פונקט איז די פרוי וואָס איז דאַן געווען ממונה, אַרויסגעגאַנגען פון צימער, און אַ גוי איז אַריינגעקומען רעדן מיט'ן סוחר וועגן מסחר. ווען די פרוי איז צוריק אַריינגעקומען, האָט זי באַמערקט אַז דער סוחר רעדט מיט'ן גוי, און איהם אָנגעשריגן. שפּעטער האָט מען בודק געווען די תפילין, און זיי זענען געווען ליידיג... ס'איז שוין מער נישט געווען דערין קיין אותיות.

**ב** אַ בחור האָט זיך אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "לב שמחה" זצ"ל, אַז עס איז איהם שווער צו גיין אויף דער גאַס, און ער האָט געבעטן אַן עצה און הדרכה. האָט דער "לב שמחה" איהם געזאָגט: "אויב ס'איז שווער צו גיין, גייט מען טאַקע נישט...". ער האָט געמיינט צו זאָגן, אויב דו קענסט נישט היטן דיינע אויגן, טאָרסטו זיך טאַקע נישט אַריינלאָזן אין אַ מקום סכנה. דאַן האָט ער געשוויגן אַ צייט, און דערנאָך האָט ער איהם געזאָגט, אַז אויב ער טראַכט דברי תורה בשעת'ן גיין אויף דער גאַס, איז די ראיה נישט קיין ראיה, ווייל וויבאַלד זיין מוח איז "פאַרנומען, מיט דעם געדאַנק פון לימוד, זעהט ער דאָך נישט אַנדערע זאַכן, און עס ווערט נישט אויפגעכאַפּט אין זיין מוח. ספּעציעל אַז ער לערנט תורה, האָט ער דאָך נישט קיין אינטערעסע אין מיאוס'ע זאַכן, און פונקט ווי ער ווייסט נישט וויפיל קעץ עס דרייען זיך אויף דער גאַס, ווייל עס אינטערעסירט איהם נישט און ער קוקט נישט אויף זיי, אַזוי דאַרף איהם נישט אינטערעסירן אַנדערע זאַכן.

אויך האָט דער "לב שמחה" געזאָגט, די קדמונים שרייבן אַז דער מענטש וואָס איז נכשל געוואָרן רח"ל, איז זיין עצה, ער זאָל זיך תיכף דערמאַנען אַ הלכה, מתקן צו זיין דעם פגם. מיט דעם האָט ער געטייטשט די ווערטער פון רש"י ז"ל אויפ'ן פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (כה, ז) "וירא פנחס", זאָגט רש"י: "ראה מעשה ונזכר הלכה". וויבאַלד פנחס האָט געזעהן די מעשה פון זמרי און די עבירה פון שיטים, האָט ער זיך דערמאַנט די הלכה.

ער פון אַלע זיינע מדרגות, אויב ער איז אַ "גלוי עינים" - ער היט נישט אָפּ זיינע אויגן ווי עס דארף צו זיין[כא].

**דער** מדרש זאָגט (ויק"ר פכ"ד, ו) אויף דעם וואָס די שונמית האָט געזאָגט וועגן אלישע (מ"ב ד, כז) "הנה נא ידעתי כי איש אלקים קדוש הוא". פרעגט דער מדרש: ווי אַזוי האָט די שונמית געוואוסט אַז אלישע איז אַ הייליגער מאַן? זאָגט דער מדרש, רבי אַיבון זאָגט, "מלמד שלא הביט בה מימיו". אלישע האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף איר. פון דאָ לערנען מיר אַז יעדער מענטש וואָס מאַכט זיך אַ גדר אין קדושה, ווערט אָנגערופן "קדוש". אַלעס ווענדט זיך אין שמירת העינים. דער מענטש וואָס היט זיינע אויגן, ווערט אָנגערופן "קדוש".

**דער** באַשעפער זאָל מאַכן רוען זיין שכינה צווישן אונז, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ ברכה עד בלי די, ובא לציון גואל בקרוב בימינו אמן.

---

**כא** אַ בחור האָט זיך באַקלאָגט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, אַז אַ געוויסער מקובל האָט געזאָגט אויף איהם אַז ער האָט אויף זיך אַ סאַך "עין הרע'ס". האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- די גמרא זאָגט (ב"מ קז:) אַז 99 מענטשן שטאַרבן פון עין הרע און איינער שטאַרבט אויף אַ נאָרמאַלן אופן - "כדרך כל הארץ". די כוונה דערפון איז, אַז 99 מענטשן זענען געשטאָרבן ווייל זיי האָבן נישט געהיטן זייערע אויגן ווי געהעריג...

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט אַמאָל פורים געפרעגט איינע פון די חסידים, מיט וואָס פאַראַ פאַך ער באַשעפטיגט זיך. האָט דער חסיד געענטפערט, אַז ער שרייבט ביכלעך פאַר קינדער אין חדר, תינוקות של בית רבן. האָט דער "בית אברהם" איהם געזאָגט: דער פסוק זאָגט (אסתר ח, ח) "כתבו על היהודים כטוב בעיניכם". דאָס מיינט, איר זאָלט אויסלערנען די קינדער אַז די אויגן זאָלן זיין גוט אָפּגעהיטן ("כטוב בעיניכם")...